בס״ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת בהעלותך תשפ״ה

**פון י״ב סיון – ביז י״ח סיון**

לעילו נשמת אבי הרה״ח רבי משה אפרים
ב״ר ארי׳ ע״ה
ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה״ח ר׳
משה יהודה ע״ה

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער (646) 907-9119

## זונטאג – י"ב סיון

הרה"ק רבי מנחם מענדל המגיד מבאר זי"ע, מגדולי תלמידי מרן רבינו הבעש"ט הקדוש זי"ע.

## מאנטאג – י"ג סיון

הרה"ק רבי יצחק אייזיק ב"ר יוסף מאיר זי"ע, הי"ד, (ווייס), בעל חקל יצחק, מספינקא.

## דינסטאג – י"ד סיון

הגה"ק רבי חיים ב"ר יצחק זי"ע, (איצקוביץ), בעל נפש החיים, מייסד ישיבת וולוז'ין.
"הנקרא רבי חיים וואלאזינער"

## מיטוואך – ט"ו סיון

הרה"ק רבי מאיר יוסף ב"ר ברוך זי"ע, הי"ד, (רובין), אב"ד קערעסטיר.

## דאנערשטאג – ט"ז סיון

הרה"ק רבי שלום אליעזר ב"ר חיים מצאנז זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם), ראש שושלת ראצפערט.

## פרייטאג – י"ז סיון

הרה"ק רבי אהרן ב"ר אשר זי"ע, (פרלוב), בעל בית אהרן, מקארלין.
"הנקרא רבי אהרן השני מקארלין"

## שבת קודש – י"ח סיון

הרה"ק רבי ישכר בער ב"ר יצחק זי"ע, (בארון), הסבא קדישא מראדושיץ.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**

**זונטאג י"ב סיון**

**הרה"ק רבי מנחם מענדל המגיד מבאר זי"ע, מגדולי תלמידי מרן רבינו הבעש"ט הקדוש זי"ע,**

עס איז נישט באוויסט צו אסאך פון זיינע עלטערן אדער פון זיינע פריערדיגע יארן בעפאר ער איז נתקרב געווארן צום בעש"ט הקדוש זי"ע, אבער פון די עדות פון זיינע תלמידים און פון זיין רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, קען מען זעהן אז דער צדיק איז געווען א קדוש און א בעל רוח הקודש אמיתי,

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש וטהור, א גאון נפלא בנגלה ובנסתר, א בעל רוח הקודש אמיתי, און א בעל מופת עצום ונורא, און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

ער איז געווען פון די גרעסטע תלמידים מובהקים פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און ווי עס איז מקובל איז ער געגאנגען מיט זיין רבין דער בעש"ט, ווען דער בעש"ט הקדוש האט פראבירט צו ארויף פארן קיין ארץ ישראל, און ווי באקאנט האט מען פון הימל נישט געוואלט אז דער בעש"ט זאל אנקומען קיין ארץ ישראל, און זיי זענען געבליבן שטעקן אינמיטן וועג אין שטאט איסטנבול, און געברויכט צוריק קומען קיין מעזיבוז,

אבער בעפאר ער איז נתקרב געווארן צום בעש"ט זי"ע און צו דעם דרך החסידות, האט ער געלערנט אינעם קלויז אין שטאט ברודי צוזאמען מיט הרה"ק רבי נחמן מהורדנקא זי"ע, און הרה"ק רבי נחמן מקוסוב זי"ע, און שפעטער זענען אלע דריי נתקרב געווארן צום בעש"ט הקדוש זי"ע,

פארציילט מען אז נאך בעפאר ער איז נתקרב געווארן צום בעש"ט זי"ע איז אים אריין א מחשבה, ווי אזוי קען איך מתפלל זיין צום גרויסן באשעפער, ווען איך בין אזוי זינדיג, און אזוי האט ער זיך זייער מצער געווען פון די מחשבה, ווייל ער האט באמת געהאלטן אז ער איז זינדיג, אבער נאך א שטיק צייט האט ער געטראכט ביי זיך, פארוואס ווען ער עסט קומט נישט די מחשבה אריין, אבער ביים דאווענען קומט יא די מחשבה, דאן האט ער שוין פארשטאנען אז דאס איז נאר א עצת היצר, כדי אים צו צוברעכן פון טון זיין עבודת השם בשלמות,

ווי עס איז באקאנט האט דער בעש"ט זי"ע זייער משבח געווען דעם תלמיד רבי מנחם מענדל, ווי מען זעהט אז ער שרייבט אויף דעם תלמיד בזה"ל, "הרב המגיד הקדוש איש חי רב פעלים בו"ק וכו' מו"ה מנדיל נ"י, מנחם מנדל דק"ק באר", אויך איז באוויסט, אז זיין רבי דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט אמאל געזאגט, אז צווישן אים און דער תלמיד רבי מנחם מענדל מבאר זי"ע, איז דער חילוק כחוט השערה, אבער טאקע דעם חוט השערה קען ער נישט דורך גיין, אבער דער תלמיד האט געהאט די זכי', אז ער האט דעם רבין דעם בעש"ט הקדוש זי"ע געקענט פרעגן סיי וואסערע שאלה ער האט געוואלט,

עס איז מקובל אז ער האט מקרב געווען דעם הייליגען מגיד ממעזריטש זי"ע צום בעש"ט הקדוש זי"ע, און דאס איז געווען ווען דער מגיד האט געוואוינט אין שטאט טורטשין, איז דער צדיק מנחם מענדל געפארן קיין טורטשין און ער האט געזען ווי דער מגיד לערנט מיט זיינע תלמידים און ער האט געזען די גדלות פונעם מגיד,

ווי באקאנט האט דער מגיד זייער געליטען אויף די פיס, האט אים רבי מנחם מענדל געזאגט, די האסט שוין זיכער געהערט פונעם בעש"ט הקדוש וואס באווייזט מופתים, פארוואס זאלסטו נישט קומען צום בעש"ט, און ער וועט דיר העלפן מיט די ווייטאג, אבער דער מגיד האט אים געזאגט דעם פסוק "טוֹב לַחֲסוֹת בַּד' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם",

ווען רבי מנחם מענדל איז צוריק געקומען צום בעש"ט הקדוש, האט ער אים פארציילט אז ער איז געווען אין טורטשין און געזען א כלי יפה, האט דער בעש"ט הקדוש געזאגט, יא איך האב שוין געזען דעם צדיק אפאר יאר און איך האב גרויסע געגועים אז ער זאל קומען צו מיר,

נאך א שטיק צייט האט די רעבעצין פונעם מגיד זייער געמיטשעט אז ער זאל גיין פאר א ישועה צום בעש"ט הקדוש קיין מעזיבוז, דאן האט דער מגיד מסכים געווען, און דאן איז ער נתקרב געווארן און געבליבן א תלמיד מובהק פונעם בעש"ט, און שפעטער געווארן דער ממלא מקום פונעם בעש"ט,

דער צדיק רבי מנחם מענדל איז געווארן דער מגיד מישרים אין שטאט באר, און ער האט געהאט א מנהג נישט צו זאגן קיין דברי תורה נאר אויב מען האט אים באצאלט, און הרה"ק בעל צמח צדק מליובאוויטש זי"ע האט דאס מסביר געווען אין זיין ספר דרך מצוותיך לויט די שיטה פון קבלה,

אסאך פון זיינע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים, ספר תולדות יעקב יוסף, ספר דגל מחנה אפרים, ספר קדושת לוי, ספר בוצינא דנהורא, ספר אמרי פנחס.

נסתלק לגנזי מרומים י"ב סיון בשנת תקכ"ה, לויט זיין בקשה האט מען אים באערדיגט אין דוביסאר אין מולדובה אויפן פלאץ וואס ער האט אויסגעקליבען בחייו.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

איינמאל איז דער הייליגער בעש"ט זי"ע געווען אויפן וועג מיט זיין תלמיד דער מגיד מבאר, און דער מגיד איז זייער דורשטיג געווארן, האט אים דער בעש"ט הקדוש געזאגט, אז אויב ער וועט האבן באמת בטחון אין השי"ת וועט זיך פאר אים מאכן וואסער, כך הוה, עס איז זיי קעגן געקומען א גוי און זיי געפרעגט, אויב זיי האבן באגעגנט זיינע פערד וואס פעלן אים שוין פאר דריי טאג, האט דער בעש"ט הקדוש געפרעגט פונעם גוי אויב ער האט וואסער מיט זיך, האט דער גוי געזאגט אז יא און אהין געגעבן פארן בעש"ט וואסער,

האט דער מגיד געפרעגט דעם בעש"ט, אז אויב דער גוי איז אנגעקומען דא אויפן ארט נאר צו ברענגען פאר מיר וואסער, פארוואס דרייט ער זיך שוין ארום דא פאר דריי טאג, האט דער בעש"ט הקדוש געזאגט, אז דער גרויסער באשעפער האט שוין מזמין געווען דעם גוי דא פון דריי טאג בעפאר, אז אזוי ווי די האסט באמת בטחון אונעם באשעפער זאל ער זיין גרייט צו דערפילען דיין בקשה.

איינמאל האט דער צדיק הרה"ק רבי מנחם מענדל מבאר זי"ע גערעדט, פונעם ענין אז מען דארף עסן כדי צו מעלה זיין ניצוצות הקדושות, דער משרת האט דאס געהערט און אנגעהויבן עסן גאר אסאך, ווען דער צדיק האט אים געפרעגט וואס דאס איז, האט ער געזאגט אז ער האט געהערט ווי די רבי זאגט אז דורכ'ן עסן איז מען מעלה ניצוצות,

האט דער צדיק געזאגט איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א משל, ווען א מענטש דערטרענקט זיך ח"ו אין וואסער און א אנדערער טאנץ אריין אים צו ראטעווען, איז אויב כאפט ער אים אן ביי די האר אדער א גרינגע פלאץ, דאן קען ער אים ראטעווען, אבער טאמער וועט ער אים אנכאפן ביי די האנט אדער ביי די פיס, וועלן ביידע דערטראנקען ווערן, ווייל ביידע וועלן נישט קענען שווימען, דאס זעלבע איז מיטן מעלה זיין ניצוצות הקדושות דורך עסן, אויב ווייסט מען נישט וואס מען טוט העלפט דאס נישט פאר די ניצוצות.

ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז דער צדיק וקדוש רבי מנחם מענדל מבאר זי"ע האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען מיטן ארום גיין אין שטעט און דערפער און גדינט אלס מגיד מישרים אין מוסר געזאגט פאר אידישע קינדער, און מיט דעם האט ער מקרב געווען טויזענטער אידן צום הייליגען באשעפער ורבים השיב מעון,

אבער דער צדיק וקדוש האט דאס אלעס באהאלטן אין דברים גשמיות, כדי דער בעל דבר דער שטן זאל נישט כאפן אז ער איז מקרב אידן צום באשעפער, דערפאר ווען דער צדיק איז אנגעקומען אין א שטאט האט ער געזאגט, אז ער איז געקומען דא אין שטאט צוזאמען שטעלן געלט פאר זיך, אדער פלעגט דער צדיק אריין ברענגען אין שטאט טאבאק וואס איז געווען אומליגאל יענע צייטן, און דאן בשעת מעשה האט ער שוין אריין געכאפט צו זאגן מוסר פאר אידן, און מיט דעם האט ער מקרב געווען טויזענטער אידן צום דרך החסידות און זיי ארויף געברענגט נענטער צום גרויסן באשעפער,

מען דערציילט אז ווען הגה"ק רבי נפתלי אב"ד פוזנא זי"ע איז ארויף קיין ארץ ישראל איז ער אריין קודם צום רבין הרה"ק רבי מנחם מענדל מבאר זי"ע זיך צו געזעגענען, וויבאלד עס איז געווען א גאר שטארקע קשר צווישן די צוויי צדיקים, בעפאר ער איז ארויס אויפן וועג האט די רעבעצין געברענגט לעקעך פארן רב פון פוזנא כדי ער זאל האבן וואס צו עסן אויפן וועג, האט ער געזאגט אז ער וועט דאס שוין עסן אין ארץ ישראל,

פארציילט מען אז דער צדיק רבי מנחם מענדל איז אריין אונעם אנדערן שטוב און זייער געוויינט בדמעות שליש, דערנאך איז ער צוריק ארויס און באגלייט דעם צדיק מפוזנא, ווען דער צדיק רבי מנחם מענדל איז צוריק אהיים געקומען פון באגלייטן, האט מען געפרעגט דעם צדיק פארוואס ער האט אזוי געוויינט,

האט ער געזאגט, אז ער האט געוויינט אויף די ווערטער וואס זיין ידיד רבי נפתלי האט געזאגט, אז ער וועט עסן די לקח אין ארץ ישראל, אבער ער האט פארגעסן צו זאגן "אם ירצה השם", און איך האב מרגיש געווען אז ער וועט ליידער נישט אנקומען וועגן דעם קיין ארץ ישראל, כך הוה דער צדיק רבי נפתלי איז ליידער נסתלק געווארן אויפן וועג אין שטאט סטאמביל כ"ד טבת בשנת תע"ט.

פון דעם עובדה קען מען זעהן ווי שטארק א איד דארף אייביג זיין געווארנט צו זאגן אויף יעדע זאך "אם ירצה השם", ווייל אן די הילף פונעם גרויסן באשעפער קען א מענטש גארנישט טון.

**יארצייט**
**מאנטאג י"ג סיון**

**הרה"ק רבי יצחק אייזיק ב"ר יוסף מאיר זי"ע, הי"ד, (ווייס), בעל חקל יצחק, מספינקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט ספינקא, בשנת תרל"ה,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי יוסף מאיר בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע,
בן הרה"ק רבי שמואל צבי ווייס דומ"ץ מונקאטש זי"ע, ברודער פונעם גאון וקדוש דער בעל בית יצחק מסוואליווע זי"ע,
בן הרה"ק רבי אברהם ממונקאטש זי"ע, וואס איז געווארן אויף געצויגען ביים צדיק הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע, זייענדיג א קיילעכדיגער יתום מאב ואם גאר יונג, און געוועזן ממש ווי א אייגן קינד ביים הייליגען קאלעווער זי"ע, און ביי די הסתלקות האט דער הייליגער קאלעווער זי"ע איבער געלאזט פאר רבי אברהם ירושה א גרויסע סכום געלט, און געבעטן אז ער זאל דורך'ן יאר דאווענען פארן עמוד נאך אים ווי א אייגן קינד,
בן הרה"ק רבי שמואל צבי הראשון גריסגאט ווייס זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת פערל ע"ה,
בת הנגיד רבי עזרא יעקב באש מספינקא ז"ל,

(דער זיידע רבי שמואל צבי הראשון זי"ע האט זיך געביטען דעם נאמען פון גריסגאט צו ווייס, נישט וועלענדיג משתמש זיין מיט א נאמען וואס איז כולל שמו של הקב"ה),

די טאטע האט דעם קינד יצחק אייזיק א נאמען געגעבן נאך זיין רבו מובהק הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב זי"ע, וואס דורך זיין ברכה איז זיי געבוירן געווארן דעם קינד,

מעשה שהיה כך היה, בשנת תרל"א ווען דער הייליגער אמרי יוסף מספינקא זי"ע איז געפארן צו זיין רבין רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע, האט די רעבעצין געבעטן דעם מאן אז ער זאל זיך מזכיר זיין ביי זיין רבין פאר קינדער, וויבאלד זיי האבן דאן נאכנישט געהאט זוכה געווען צו זש"ק, דער אמרי יוסף האט טאקע מבטיח געווען זיין רעבעצין אז ער וועט זיך מזכיר זיין,

אבער די רעבעצין האט גוט געקענט דעם מאן, און זי האט געוויסט אז אזוי ווי ער וועט אנקומען צו זיין הייליגען רבין, וועט ער אינגאנצן פארגעסן פון אלעס חוץ פון תורה און עבודה, איז די רעבעצין מיט געגאנגען אויף די נסיעה, ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבין רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע, און זיך מזכיר געווען, האט דער צדיק געגעבן א ברכה שיפקדו בזש"ק, אבער עס איז דורך א יאר און זיי זענען נאכנישט געהאלפן געווארן,

אלול בשנת תרל"ב איז דער אמרי יוסף געפארן נאכאמאל צו זיין רבין קיין זידיטשוב, און דאס איז געווען אויף שבת קודש פרשת שופטים, און שבת אינדערפרי ביים טיש האט רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע געזאגט תורה אויפן פסוק, "כִּי תָצוּר אֶל עִיר יָמִים רַבִּים" און איבער געזאגט אפאר מאל די ווערטער "וּבָנִיתָ מָצוֹר", דאס איז געווען א פלא פארן תלמיד דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע,

אבער ווען דער הייליגער צדיק רבי אייזיק'ל איז ארויס פונעם טיש, האט ער געזאגט פאר זיין זוהן הרה"ק רבי אליהו זי"ע, אז ער זאל גיין זאגן פארן אמרי יוסף, "אז ער איז שוין געהאלפן געווארן", עס איז פארן אמרי יוסף געווען א פלא, יענעם יאר ט' סיון בשנת תרל"ג איז נסתלק געווארן דער הייליגער רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע,

בשנת תרל"ה איז צום אמרי יוסף געבוירן געווארן א בן זכר, און מען האט דעם קינד א נאמען געגעבן נאך זיין רבין רבי אייזיק'ל, וואס די נאמען פונעם צדיק געשריבן "יצחק אייזיק" אן דעם יוד באטרעפט די זעלבע ווי די ווערטער "מצו"ר", דאן האט שוין דער הייליגער אמרי יוסף פארשטאנען דעם רוח הקודש פון זיין רבין,

אויך בשנת תרל"ד האבן זיי באקומען א ברכה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, אז זיי וועלן זוכה זיין צו דורות צדיקים ותלמידי חכמים, און עס וועט מקיים ווערן דעם לא ימושו מפיך ומפי זרעך עד עולם, און טאקע בשנת תרל"ה איז צו זיי געבוירען געווארן דער זון הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל חקל יצחק מספינקא זי"ע,

אלס יונג קינד האט מען שוין געזען ווי דאס קינד פירט זיך מיט א געוואלדיגע קדושה, איין טאג אלס קינד איז ער אראפ געפאלן און זיך צוקלאפט, האט דער טאטע א פרעג געגעבן פונעם זוהן, די האסט אפשר פארגעסן צו זאגן איינע פון די סממני קטורת ביי שחרית,

אלס קינד האט זיין טאטע גענומען פארן קינד א מלמד א גדול בתורה הגה"ק רבי אליעזר שווארץ דומ"ץ שארשפוטק זי"ע, וואס איז געווען באוויסט אלס א גרויסע גאון בתורה, דער מלמד האט אויך געלערנט מיט הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע אלס קינד,

דער הייליגער חקל יצחק איז געווען א איש קדוש מאוד, א בקי בתורת הנגלה והנסתר, און א למדן נפלא, ער איז געווען א אש קודש, ער איז געווען דבוק אונעם באשעפער יעדע מינוט פון זיין לעבן, יעדע ברכה איז צו געגאנגען מיט א התלהבות, זיין לערנען תורה איז געווען מיט א קול חוצב להבות אש, און אפילו אין די עלטערע יארן לא פסיק פומיה מגירסא, מען האט פארציילט, אז אפילו שוין זייענדיג עלטער האט מען זיין קול תורה געקענט הערן בייינאכט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש נפלא און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

זיין אייניקל דער תפארת צבי האט געזאגט, אז דאס פחד אלוקית און יראת שמים וואס ער האט געזעהן ביים זיידן איז געווען ממש להפליא.

מען פלעגט זאגן אויפן הייליגען חקל יצחק זי"ע, אין די יארן וואס ער האט געוואוינט אין מונקאטש, אז צופרי אויף דעם וועג אין מקוה, זאגט ער פופציג בלאט גמרא, און פון די מקוה ביז אין שוהל זאגט ער פופציג בלאט זוהר, דאס איז געווען זיין התמדת התורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

ער האט נאך זייענדיג גאר יונג, זיך געשריבען דברי תורה און שאלות ותשובות מיט גדולי דורו ובתוכם,
הגה"ק רבי יצחק אלחנן ספקטור מקובנא זי"ע,
הגה"ק רבי אברהם פאלאגי מאיזמיר זי"ע,
דער גאון הגה"ק רבי חיים מרדכי יעקב גאטליב בעל יגל יעקב אב"ד מישקאלץ זי"ע האט דערציילט,אז דער צדיק דער חקל יצחק זי"ע האט געקענט לערנען 15 שעה ברציפות אין א מעת לעת,

איינמאל איז געקומען א דעלעגאציע צום חקל יצחק זי"ע איבער רעדן א זאך וואס דער צדיק האט זיך נישט געוואלט אריינמישען, דער צדיק האט אויסגעהערט דעם דעלעגאציע פאר א שעה, נאך א שעה האט זיך דער צדיק אנגערופען, "אוי! איך האב שוין אזוי לאנג נישט געלערנט", און דער צדיק איז גלייך צוריק צו די גמרא, ער האט ממש געגליסט צו די תורה הקדושה,

לעת זקנתו איז דער צדיק אמאל געפארען מיטן באן אויף א שבת צו די שטאט מישקאלץ, עס זענען אים קעגן געקומען א קבוצה אידן צו מקבל פנים זיין, אבער דער צדיק האט בכלל נישט באמערקט דעם קבלת פנים, ווען ער איז אנגעקומען צו זיין אכסניה, האט זיך דער צדיק געשטעלט זאגן תהילים, ער האט דורך די נאכט אויס געזאגט דריי מאל תהילים.

ביי די 15 יאר האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת מרים ע"ה,
בת הרה"ק רבי ישכר בעריש בעל מלבוש לשבת ויום טוב אב"ד ווערעצקי זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלכסנדר סנדר יום טוב ליפא מזידיטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב זי"ע,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגען טאטן, און א' חשון בשנת תרס"ד ווען דער טאטע איז נישט געזונט געווארן האט ער איבער גענומען די הנהגה אין שטאט ספינקא,

ו' אייר בשנת תרס"ט, ווען דער טאטע איז נסתלק געווארן, האט ער איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט ספינקא, דאן איז דאס חסידות ספינקא געווען איינע פון די גרעסטע חסידות'ער און געגענט, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק,

ערב סוכות בשנת תרע"ז אינמיטן די ערשטע וועלט מלחמה, ווען די רוסן זענען געקומען נאנט צום שטאט ספינקא, איז דער צדיק מיט א גרויס חלק פון די חסידים אנטלאפען פון שטאט, און געגאנגען פון שטאט צו שטאט, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין בודאפעסט און זיך באזעצט אין שטאט מונקאטש, וואס דארט האבן געוואוינט א גרויסע צאל חסידי ספינקא, דארט האט ער אויף געשטעלט א ישיבה "אמרי יוסף" על שם פון זיין הייליגען טאטן זי"ע,

וואוינענדיג אין מונקאטש איז דארט אן געגאנגען א גרויסע מחלוקה, זענען צו אים געקומען זיינע נאנטע מענטשן און אנגעטראגען, אז אפשר זאל ער זיך אוועק ציען פון דעם שטאט צו א אנדערן שטאט ווי ער וועט האבן מנוחה,

האט דער צדיק געזאגט איך וועל אייך זאגן דעם אמת, אויב וואלט דער מחלוקה מיך נאר איינמאל מבלבל געווען ביים דאווענען שמונה עשרה, וואלט איך מיך אוועק געצויגען פון דעם שטאט, אבער וויבאלד די מחלוקה מיינט בכלל נישט מיך, איז פארוואס זאל איך מאכן דעם גאנצן טלטול, אבער שפעטער ווען דער צדיק האט געזען אז ער קען דעם גאנצן מחלוקה אפשטעלן, האט ער מפני שלום שוין מסכים געווען אוועק צו גיין פון מונקאטש,

בשנת תר"ץ ווען ער האט זיך אריבער געצויגען קיין סעליש, האט ער דארט אויפגעשטעלט זיין ישיבה, איז דאן דאס חסידות ספינקא געווען פון די גרעסטע חסידות'ער אין אונגארין צוזאמען מיט מונקאטש און סאטמאר, ער האט געהאט טויזנטער חסידים, טויזנטער מענטשן זענען געקומען פון אלע שטעט ארום צו מיטהאלט זיין עבודת הקודש, אויך זיין ישיבה איז געווען דאן באוויסט אלס איינע פון די גרויסע ישיבות אין געגענט, דארט האט בשעתו געלערנט איבער 200 בחורים גדולים וגאונים בתורה,

ליידער זענען אלע דריי פון זיינע קינדער אומגעקומען על קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש,
הרה"ק רבי ישראל חיים ווייס מסעליש זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי נפתלי צבי ווייס אב"ד בילקא זי"ע, הי"ד,
בתו הצדקת מרת הינדא שיינדל ע"ה, הי"ד, אשת הרה"ק רבי אברהם אביש הורביץ אב"ד קראלי זי"ע, הי"ד,

בחסדי השם איז איבער געבליבען ממש שארית הפליטה פון דעם צדיק, און דער מנהיג העולם האט איבער געלאזט פאר אונז אידן א אייניקל א צדיק וקדוש, הרה"ק רבי שמואל צבי הורביץ זי"ע וואס מען האט גערופן בלשון חיבה "רבי הערשעל'ע ספינקער", וואס האט ווייטער ממשיך געווען דעם דרך האבות, און באשיינט די וועלט מיט זיין תורה און קדושה פאר צענדליגע יארן אין וויליאמסבורג, ער איז נפטר געווארן כ"ז אב בשנת תשנ"ז,

דער הייליגער חקל יצחק האט אסאך דברי תורה און שו"ת געשריבען בחייו, אבער ווי ער האט מקבל געווען מדורות הראשונים, אז מען זאל נישט ארויסגעבן קיין ספר פון זיך בחייו, און ליידער איז א גרויס חלק פון זיינע חידושים און דברי תורה פארלוירען געווארן ביי די צווייטע וועלט מלחמה, אבער בדרך נס האט מען געטראפן זיין ספר חקל יצחק על התורה, און עס איז געדריקט געווארן שפעטער דורך זיינע אייניקלעך,

אסרו חג פסח בשנת תש"ד, זענען די דייטשן ימ"ש אריין געקומען אין אונגארין, און זיי האבן דאן צוזאמען גענומען אלע אידן פון שטאט סעליש, וואס איז געווען א סכום פון איבער 20 טויזענט נפשות, און געפירט אין געטא, די חסידים פונעם הייליגען חקל יצחק האבן ערלעדיגט פאר זייער רבין פאפירן אז ער זאל קענען אנטלויפן קיין בריטניה און קיין ארץ ישראל און זיך ראטעווען פון די דייטשן ימ"ש,

אבער דער צדיק האט בשום אופן נישט געוואלט איבער לאזן זיינע חסידים, און ליידער א' סיון האט מען דעם רבין מיט זיין משפחה און א גרויס חלק פון די קהלה אוועק געפירט קיין אושוויץ, און ביום י"ג סיון בשנת תש"ד איז דער צדיק וקדוש אומגעקומען על קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

א איד איז געקומען אמאל צום הייליגען חקל יצחק זי"ע און זיך אויסגערעדט אז ער קען נישט שלאפן ביינאכט, האט אים דער חקל יצחק געזאגט, דאס פאסט זיך פאר א פרוי, ווייל אויב א איד קען נישט שלאפן, דארף ער אויפשטיין און זיך זעצן לערנען!,

ווי באקאנט איז ער געווען ממש פון די איינצעלע רבי'ס וואס האבן געלאזט פרויען אריינקומען זיך מזכיר זיין, און ווי ערווענט האט דער צדיק געלערנט ביינאכט מיט קולות און זיך ממש נישט אפגעריסן פון די גמרא פאר גארנישט, אבער ווען א איד אדער א אידענע איז געקומען זיך מזכיר זיין, האט דער צדיק וקדוש מיט זיין גרויס אהבת ישראל, פארמאכט די גמרא, און געמאכט דעם איד שפירן אז ער האט די וועלט'ס צייט יענעם אויסצוהערן און זעהן וואס ער קען דעם איד העלפן,

איינמאל איז דער הייליגער חקל יצחק זי"ע געזעצן און געלערנט מיט הגה"צ רבי אליעזר פאטיקער זי"ע, אינדערמיט האט איינער געקלאפט אויפן טיר, האט דער צדיק געבעטן ר' אליעזר ער זאל גיין זעהן ווער דאס איז, איז דארט געקומען א פרוי און מזכיר געווען ביים צדיק אז די מאן איז זייער קראנק געווארן, און זי בעט אז די רבי זאל איר מבטיח זיין אז די מאן וועט געזונט ווערן,

האט דער צדיק געגעבן א ברכה, אבער די פרוי האט נישט נאך געלאזט, האט דער צדיק געפרעגט וואס איז די נאמען פונעם חולה, האט די פרוי געזאגט שמעון, האט דער צדיק געזאגט, אז ער וועט לזכותו פונעם חולה

לערנען אפאר תוספות וואס הייבן זיך אן מיט א "ש", און דאס וועט ברענגען די רפואה.

ווען דער פרוי איז אוועק האט זיך דער חברותא ר' אליעזר זייער געוואונדערט, פארוואס די רבי האט נישט גלייך מבטיח געווען אז דער איד וועט געזונט ווערן, דער צדיק האט גלייך מרגיש געווען די מחשבה פון ר' אליעזר און געזאגט,

וויסן זאלסטו, אז לבי אומר לי אז דער איד גייט געזונט ווערן, און באמת האב איך געקענט מבטיח זיין, אבער אויב וואלט איך מבטיח געווען, און דער איד וועט געזונט ווערן, וועט מען דאך זאגן אז דער איד איז געזונט געווארן אין מיין זכות, און דאס איז דאך שקר, און אין הימל האט מען זייער פיינט ליגענט, און דערפאר האב איך נישט מבטיח געווען.

הרה"ח רבי ישראל בערקאוויטש ע"ה וואס מען פלעגט רופן ר' ישראל דובאווער, וואס איז געווען א גאר גרויסע חסיד פונעם הייליגען חקל יצחק זי"ע, און ער פלעגט האבן די זכי' אויפצוהייבן דעם צדיק ראש השנה און יום הקודש ביי כורעים, פארציילט ער אז דאס פאלן כורעים ביים צדיק איז געווען מיט מסירת נפש ממש, מען פלעגט הערן דעם זעץ אויף דער ערד, און מען פלעגט זאגן אז ער האט געהאט פון דעם יסורים ביז חנוכה,

איין יאר ראש השנה האט דער זוהן פונעם חקל יצחק הרה"ק רבי ישראל חיים זי"ע געבעטן דעם חסיד רבי ישראל, אז ווען די טאטע פאלט כורעים זאל ער אינטערלייגען די הענט, כדי עס זאל נישט אזוי וויטאן פארן צדיק דאס פאלן כורעים, האט דער חסיד דאס געטון דעם ערשטן טאג ראש השנה,

דעם צווייטען טאג ראש השנה פאר שחרית האט דער צדיק גערופן ר' ישראל, פארציילט ר' ישראל אז דאס פחד פונעם רבין די גאנצע יאר איז נישט צום באשרייבן, און כל שכן די ימים נוראים, פארציילט ער אז ער איז אריבער צום רבין מיט גרויס פחד,

ווען ער איז אנגעקומען האט אים די רבי געהייסן זיך זעצן, בלית ברירה האט ער זיך אראפגעזעצט, דער צדיק האט אים גארנישט געזאגט, נאר די רבי האט פאר זיך געלערנט אויף קול דעם זוהר הקדוש, וואס רעדט פון פאלן כורעים ראש השנה, און ווען די רבי האט געענדיגט לערנען דעם זוהר, האט ער געזאגט פאר ר' ישראל אז ער קען גיין,

בעפארן דאווענען ווען דער זוהן ר' ישראל חיים איז געקומען צו ר' ישראל בעטן, אז ער זאל אינטערלייגן די הענט דעם צווייטען טאג אויך, האט ער געזאגט פארן זוהן, איך לייג שוין נישט אינטער מיינע הענט, אויב די ווילסט קענסטו דאס טון, דאס איז געווען די קדושה פונעם צדיק און דעם גרויסן יראה און פחד וואס מען האט באקומען נאר פון הערן דעם רבין לערנען דעם זוהר,

אין שטאט סטרימבא האט געוואוינט א איד הרה"ח רבי משה מושקוביץ ע"ה, וואס האט אפ געקויפט א גרויסע בילדינג פון א גוי, און ער האט דארט אויף געמאכט א האלז זעגעריי, און ער האט שיין מצליח געווען און געהאט אסאך ארבעטער, אבער ווען ער האט אפגעקויפט דעם בילדינג האט ער פארגעסן איבער צו שרייבן דעם בילדינג אויף זיין נאמען,

איין טאג קומט דער גוי און זאגט פאר ר' משה, אז ער וויל ער זאל אים ארייננעמען אלס שותף אינעם ביזנעס, אנדעם וואס ער זאל דארפען אריין לייגען געלט, און אויב ער איז נישט מסכים, וועט ער גיין אין געריכט, און וועט זיין אז דער בילדינג באלאנגט פאר אים, און דער ר' משה וועט שאדן האבן דאס גאנצע ביזנעס,

פונקט יענעם שבת איז דער הייליגער חקל יצחק זי"ע געווען אין שטאט ווישווא, און ר' משה וואס איז געווען א חסיד מובהק פונעם הייליגען חקל יצחק זי"ע, איז ער אריבער געפארן און פארציילט די גאנצע מעשה, און אז ער איז אין א צרה פון פארלירען א גרויסע חלק פון זיין פרנסה צום גוי, און געבעטן א ברכה פונעם צדיק,

דער מנהג ביים הייליגען חקל יצחק זי"ע איז געווען, אז ווען מען איז געקומען מזכיר א גוי וואס איז מצער א איד, האט ער געהייסן מען זאל אויפן קוויטל שרייבן דעם נאמען פונעם גוי און די מאמע'ס נאמען, האט ר' משה טאקע געשריבען דעם נאמען פונעם גוי "גורגיה בן מרי", און דער צדיק האט גענומען דעם קוויטל, און אראפגעריסן דעם שטיקל ווי עס איז געשטאנען דעם נאמען פון דעם גוי, און אנגעוואונטשען דעם ר' משה מיט א ישועה,

אזוי ווי דער חסיד ר' משה קומט אריין אין שטאט, הערט ער ווי די גלעקלעך פונעם קירכע קלינגען, וואס דאס איז א סימן אז איינער איז געשטארבן, און ווען ער האט זיך נאך געפרעגט ווער דאס איז, האט מען אים געזאגט אז דאס איז דער גוי וואס האט אים פארקויפט דעם בילדינג, און מיטן כוח פונעם הייליגען חקל יצחק, האט דער חסיד געהאט א ישועה, כן יאבדו כל אויביך ד'.

הרה"ח רבי הערש יוסף הופמאן ע"ה האט געהאט די זכי' צו משמש זיין דעם הייליגען חקל יצחק און געהאט אפאר קביאות'דיגע זאכן, איינס איז געווען אז ווען דער חקל יצחק האט זיך געקניפט די ציצית, האט ער געהאלטן דעם ציצית, אויך האט ער געהאט די זכי' אז יעדעס יאר ביי בדיקת חמץ איז ער ארום געגאנגען דאס גאנצע שטוב מיטן הייליגען חקל יצחק.

איין יאר ערב פסח ווען דער צדיק האט געענדיגט בדיקת חמץ, האט ער געבעטן א לייטער, ווייל ער וויל ארויף קריכען צום זייגער, האט ר' הערש יוסף געזאגט פארן רבין, פארוואס וויל די רבי ארויף גיין, עס איז זיכער נישט דא קיין חמץ דארט, אבער די רבי האט זיך פאר'עקש'נט, האט ער געברענגט א לייטער, און לפלא ווען די רבי האט אויף געמאכט דעם טיר פונעם זייגער, האט ער דארט געטראפן א י"ב חלה.

הרה"ח רבי אברהם שטערן ז"ל איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגען חקל יצחק זי"ע, ווען עס איז אנגעקומען די צווייטע וועלט מלחמה, האט מען אים גענומען צו די רוסישע מיליטער, און דאן איז זיין ווייב אריבער צום הייליגען צדיק דעם חקל יצחק זי"ע, און מזכיר געווען דעם מאן, אז מען האט אים אריין גענומען אין מיליטער, האט דער צדיק א זאג געגעבן, "זארג דיך נישט, דער הייליגער באשעפער וועט אי"ה העלפן ער וועט אהיים קומען געזונטערהייט נאך די מלחמה", און דאן האט מען נאך בכלל נישט געוויסט אז עס קומט טאקע א מלחמה.

דערנאך איז אריין געקומען נאך א פרוי, און אויך דערמאנט איר מאן, וואס איז אויך אריין אין די מיליטער, האט דער צדיק געזאגט "דער אייבערשטער וועט העלפן", לפלא איז דער חסיד רבי אברהם שטערן ז"ל טאקע אהיים געקומען נאך די מלחמה און זיך פאראייניגט מיטן ווייב, אבער די אנדערע איד איז ליידער נישט צוריק געקומען נאך די מלחמה, וואס מיט דעם האט מען געזען די אפענע אויגן פון דעם צדיק.

עס האט דערציילט הרה"ח רבי ירוחם בלאך ז"ל, אז ער האט געלערנט פאר 8 יאר אין שטאט ווישווא ביי הרה"ק רבי מנחם מענדל האגער בעל שארית מנחם מווישווא זי"ע, איין שבת קודש איז דער הייליגער חקל יצחק זי"ע געקומען צו גאסט אין א שטאט נישט ווייט פון ווישווא, איז דער רבי ירוחם געפארן מיט האלטן דעם גרויסן שבת בצלו פון דעם צדיק דער חקל יצחק זי"ע.

בעפאר ער איז ארויס געפארן צו יענעם שטאט, איז ער אריין זיך געזעגענען פון זיין רבין דער שארית מנחם זי"ע און דערציילט אז ער פארט יעצט צו זיין בצלו פון דעם צדיק דער חקל יצחק אויף א שבת, האט אים דער שארית מנחם געזאגט בזה"ל, "אה ירוחם, איך בין דיך מקנא, מארגן וועסטו הערן 'הכל יודוך והכל ישבחוך', און דער שארית מנחם האט נאך געזאגט די ווערטער מיטן ניגון לבית זידיטשוב מיט א געוואלדיגע דביקות" און דאן האט ער געוואונטשן פארן תלמיד, פאר געזונטערהייט לחיים ולשלום.

הרה"ק רבי יעקב יוסף ווייס מספינקא זי"ע האט אמאל דערציילט, אז ווען דער הייליגער צדיק דער חקל יצחק זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן, איז ער איין שבת קודש געווען בצלו פון הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, און עס איז געווען ערב שבת קודש בעפאר מנחה, און דער הייליגער שינאווא רב זי"ע האט דאן געגעסן טועמיה.

האט דער חקל יצחק געטראכט ביי זיך, זאל ער גיין נעמען שיריים פונעם שינאווא רב, אדער זאל ער גיין כאפן א גוטן פלאץ אין שוהל פארן דאווענען, צו זיין נאנט צום שינאווא רב, צו קענען מיט האלטן די געהויבענע תפילות.

דער חקל יצחק האט ביי זיך אפ געמאכט, אז עס איז אסאך בעסער צו גיין האבן א גוטן פלאץ פון ווי צו קענען מיט האלטן די עבודת התפילה פונעם שינאווא רב, און דערפאר איז ער גלייך אריבער צום שוהל, לפלא נישט אסאך שפעטער איז געקומען א חסיד אלס שליח פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, און געברענגט שיריים וואס דער שינאווא רב האט ספעציעל געשיקט פארן חקל יצחק זי"ע.

דער תלמיד חביב הגה"צ רבי אפרים פישל הערשקאוויטש דומ"ץ קלויזענבורג זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין גרויסן רבין, אז הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות דורך א ברכה פון דעם צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי"ע, ווייל ווי באקאנט האט דער צדיק נישט ארויס געזאגט א ווארט פון מויל, אן קיין יחודים נפלאים, איז ביי דעם צדיק מקויים געווארן די פשט פונעם הייליגען קדושת לוי זי"ע, לא יחל דברו, ככל היוצא מפיו יעשה, אז איינער וואס היט זיינע דיבורים נישט צו רעדן דבורי חול, דאן ווערן זיינע ברכות מקויים.

הרה"ק רבי אהרן ראטה בעל שומרי אמונים זי"ע האט געזאגט, איך בין כסדר געגאנגען מיט א קוויטעל צו גאר אסאך צדיקי הדור, אבער ווען איך האב געברויכט זיך מזכיר זיין עפעס וואס איז נוגע לשורש נשמתי, דאן בין

איך געגאנגען צום צדיק דער הייליגער חקל יצחק זי"ע, ווייל ער האט פארשטאנען צו דעם בעסער ווי אסאך צדיקי הדור,

אויך האט דער הייליגער צדיק דער שומרי אמונים זי"ע דערציילט, אז איינמאל איז געווען א חולה וואס איז ליידער געלעגן אין שפיטאל, און מען האט אים נישט געקענט העלפן מיט א רפואה, האט דער חולה געשריבן א בריוו צום הייליגען חקל יצחק זי"ע און זיך מזכיר געווען פאר א רפואה,

ווען דער בריוו איז אנגעקומען צום חקל יצחק זי"ע, האט דער צדיק צוריק געשריבן א תשובה מיט א שיינע ברכה פאר דעם איד, לפלא ווען דער בריוו איז אנגעקומען צום חולה, און דער חולה האט דאס געליינט, איז דער חולה גלייך געזונט געווארן, עד כדי כך אז ער איז ממש ארויס געשפרינגען פון בעט, די דאקטורים האבן געמיינט אז דער איד איז ח"ו משוגע געווארן, אבער די ברכה פון דעם צדיק האט גלייך געווירקט,

אמאל איז אויס געקומען אז דער צדיק הרה"ק רבי שלמה חנוך מראדומסק זי"ע, הי"ד, איז געווען מיט א קבוצע פון זיינע חסידים און שטאט ליהאשוביץ, איז דארט אויך געווען דער צדיק דער הייליגער חקל יצחק זי"ע, נאך שבת קודש ווען דער צדיק מראדומסק האט זיך געגרייט אהיים צו פארן, איז ער אריין מיט די קבוצע פון חסידים זיך געזעגענען פונעם חקל יצחק זי"ע,

נאכדעם וואס די קבוצע פון חסידים האבן זיך געענדיגט געזעגענען און געגעבן א פדיון פארן חקל יצחק, איז דער צדיק מראדומסק זי"ע אריין זיך געזעגענען, ער האט געגעבן א קוויטעל פארן חקל יצחק און צו געלייגט א פדיון, אבער דער הייליגער חקל יצחק האט נישט געוואלט נעמען א פדיון פון א רבי, האט אבער דער צדיק מראדומסק געזאגט פארן חקל יצחק,

ווען איך גיב א קוויטעל פארן רבין, פרעגט מען אבער אין הימל אויפן רבין, ווי קומט ער זיך אריין צו מישן אין די נצרכים פון דעם איד דא, אבער ווען איך גיב א פדיון פארן רבין, קומט דאך די רבי פאר מיר א הכרת הטוב, און אזוי וועט די רבי קענען פאר מיר פויעלען א ישועה, ווען דער חקל יצחק זי"ע האט געהערט די ווערטער, האט ער מסכים געווען צו נעמען דעם פדיון,

צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי"ע, האט זיך קיינמאל נישט משתמש געווען מיט קיין סגולות אדער קמיעות פאר א ישועה, נאר ער האט מיט זיין גרויסן כוח מתפלל געווען, און דורך דעם אויף געמאכט די שערי רחמים פאר אידישע קינדער, און דער צדיק האט כסדר געזאגט "אין כוחנו אלא בפה",

און מען האט מעיד געווען ובפרט ימים נוראים, האט דער צדיק געקענט א שריי געבן אינמיטן זיין שולחן הטהור בזה"ל, "עס זאל זיין שטיל אויבן", די פשוטע מענטשן האבן געמיינט אז די רבי מיינט די ווייבער שוהל, אבער די נאנטע האבן געוויסט, אז דער צדיק רעדט כלפי די מקטריגים, אז זיי זאלן שטיל ווערן, און עס זאל קומען גרויסע ישועות און א שפע פאר אידישע קינדער,

עס האט דערציילט א גרויסע חסיד פונעם חקל יצחק זי"ע, אז ער האט געדינגען א דירה פון א גוי א שכן און באצאלט דעם שכר דירה, אבער דאן האט דער גוי זיך אפ געזאגט פון געבן דעם שליסל צום דירה, דער איד האט נישט געוויסט וואס צו טון דא, און זייענדיג א חסיד איז ער גלייך אריבער צו זיין רבין דער חקל יצחק זי"ע און זיך מזכיר געווען מיט די צרה וואס ער האט מיט דעם גוי, האט אים דער הייליגער חקל יצחק געזאגט, "זאג אן פאר דיין ווייב, אז די וואך זאל זי איין קנעטן די חלות דאנערשטאג און נישט פרייטאג, ווייל אויף שבת קודש וועט איר שוין זיין אינעם נייעם דירה",

לפלא דאנערשטאג פארנאכטס קומט די טאכטער פון דעם גוי, און זי גיבט איבער דעם שליסל פון די דירה פאר דעם איד, און די טאכטער פונעם גוי דערציילט, אז פלוצלונג היינט פארנאכטס איז דער טאטע דער גוי געווארן בלינד, און ער האט גלייך געזאגט, אז ער האט מורא אז דאס איז געשען אלס עונש וואס ער האט געטון מיט דעם איד, און דערפאר שיקט ער דעם שליסל, און ער בעט מחילה פון דעם איד,

א איד א חסיד פונעם הייליגען חקל יצחק זי"ע, האט זיך באשעפטיגט מיטן מאלן ווייץ, איין טאג האט א גוי א רשע אויף געמאכט דעם זעלבן געשעפט ווי דעם איד, כדי ער זאל אוועק נעמען די גוישע קליענטען פון דעם איד, דער איד האט געזען אז זיין געשעפט גייט אונטער, ווייל די גוים גייען דאך צום גוי, איז ער אריבער צו זיין גרויסן רבין דער חקל יצחק זי"ע און זיך מזכיר געווען,

האט דער צדיק געהייסן מען זאל שרייבן א קוויטעל פאר דעם איד, און מען זאל אינעם קוויטעל אריין שרייבען דעם נאמען פונעם גוי און די מאמע'ס נאמען, דאן האט דער חקל יצחק גענומען דעם קוויטעל און ער האט דעם גאנצן קוויטעל פארברענט אין די ליכט אויפן טיש, לפלא יענעם טאג האט אויסגעבראכן א גרויסע פייער

אינעם געשעפט פונעם גוי, און עס איז נישט איבער געבליבן קיין זכר פון דעם געשעפט.

הרה"ח רבי יוסף יו"ט ויזל מקלויזנבורג ז"ל האט געהאט א בעקעריי אין שטאט קלויזענבורג פון ווי ער האט געצויגען זיין פרנסה, איין טאג האט א גוי אויף געמאכט א בעקעריי ממש נעבן דעם איד'ס געשעפט, און האט געגעבן סחורה פאר ביליג, און דורך דעם האט דער איד רבי יוסף פארלוירען זיין פרנסה, עד כדי כך אז ער האט שוין געהאלטן כמעט ביים פארמאכן זיין געשעפט.

איין טאג האט אין קלויזענבורג געוויילט דער צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי"ע, דער חסיד ר' יוסף איז אריין צום צדיק, און האט זיך מזכיר געווען וועגן זיין פרנסה, און דערציילט פארן צדיק וועגן דעם גוי וואס נעמט אוועק זיין פרנסה, האט דער צדיק געזאגט פאר ר' יוסף, זיי נישט צובראכן, דער גוי וועט סוף כל סוף זיך אליין משיג גבול זיין.

לפלא אפאר טאג שפעטער ווען דער חקל יצחק איז נאך געווען אין שטאט קלויזענבורג, האט מען איין טאג געטראפן דעם גוי טויט ביי זיך אין געשעפט, דער גוי האט זיך אליין דערשאסן צום טויט, ממש אזוי ווי דער צדיק האט פאר געזאגט, אז דער גוי וועט זיך נאך אליין משיג גבול זיין, און וועט זיך אליין אונטער ברענגען.

הרה"ח רבי יואל נגלר ע"ה וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגען חקל יצחק זי"ע, ער האט זיך באשעפטיגט מיטן מאכן ברוינפען וואס דאס איז געווען קעגן די געזעץ יענע צייטן, איין טאג האט א גוי אריין געגעבן א מסירה אויף דעם ר' יואל, און ער האט זייער מורא געהאט אז מען וועט קומען אפ שטאטען א באזיך ביי אים אין אוצר, וואס דאס האט געמיינט א שווערער שטראף און אפילו תפיסה.

איז דער איד געלאפן צום חקל יצחק זי"ע און זיך מזכיר געווען אויף די צרה, און געבעטן א ברכה פונעם רבין, און ער האט געזאגט פארן רבין, אז דאס בעסטע וועג איז אריבער צו פירן דאס גאנצע סחורה צו א אנדערן פלאץ, אבער ער האט זייער מורא דאס צו טון, ווייל אפשר וועט מען אים כאפן אינמיטן די ארבעט, האט ער געבעטן א ברכה פונעם רבין.

האט דער הייליגער חקל יצחק זי"ע געהייסן פאר דעם איד, מארגען צופרי ווען מיר שטעלן זיך דאווענען און מען האלט נאכן זאגן קדיש דרבנן, און מען הייבט אן זאגן די פסוקי דזמרה, זאלסטו נעמען די גאנצע סחורה און אפילו נישט באהאלטן, נאר די קענסט דאס אריבער טראגן אפענערהייט, און איך זאג דיר צו אז קיינער וועט דאס נישט זעהן, לפלא דער חסיד האט אויס געפאלגט דעם רבין, און ממש אזוי ווי די רבי האט געזאגט, קיינער האט זיי נישט אפ געשטעלט, און מען האט די גאנצע סחורה אוועק געטראגן, דעם קומענדיגן טאג איז די פאליציי טאקע אריבער געקומען צום איד'ס שטוב, אבער זיי האבן גארנישט געטראפן.

מען דערציילט, אז אין די צייטן ווען דער צדיק האט געוואוינט אין שטאט סעליש, האט מען גאר אסאך אידן אריין גענומען אין די מיליטער, הונדערטער אידן זענען זיך געקומען מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי"ע, און לפלא האט ער פאר יעדן איינעם געגעבן א אנדערע עצה וואס צו טון.

פאר איינעם האט ער געהייסן זיך שטעלן צום מיליטער אין א אנדערע שטאט ווי ער וואוינט, דעם צווייטן האט ער געהייסן זיך מאכן ווי א קראנקער, דעם אנדערן האט ער געהייסן זיך בכלל נישט שטעלן, און דעם אנדערן האט ער געהייסן געבן שוחד, און ממש יעדער איינער איז באפרייט געווארן לויט ווי דער צדיק האט פאראויס געזאגט.

הרה"ח רבי שלום ישעיה גרוס מראצפערט ע"ה איז געווען א עני ואביון ער האט ממש נישט געהאט קיין פרנסה, ווינטער בשנת תרצ"ד איז דער צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי"ע געווען אין די געגענט פון די שטאט ראצפערט, איז דער ר' שלום ישעיה אריין צום חקל יצחק און זיך אויס גערעדט זיין מצב הפרנסה, אז ער האט ממש גארנישט אין שטוב, האט אים דער חקל יצחק געהייסן, אז ער זאל קומען קיין סעליש אויף שבת שירה.

דער ר' שלום ישעיה האט זיך אנגעשטרענגט און געקומען דעם קומענדיגען שבת שירה קיין סעליש צום צדיק, ביים ליינען האט אים דער צדיק מכבד געווען מיט די פרשת המן און דער צדיק האט געליינט און אויס געפירט מיט די ווערטער "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", מוצאי שבת איז דער איד אריין צום חקל יצחק זיך געזעגענען, האט אים דער צדיק געהייסן, אז ער זאל קויפען די לאטערי.

דער איד האט געפאלגט דעם צדיק און געקויפט דעם לאטערי, און לפלא האט דער איד געוואונען א גאר

גרויסע סכום געלט, און פון דאן האט דער איד נישט געוויסט פון קיין חסרון אין פרנסה, ער האט געמאכט געשעפטן און שיין פארדינט און געווען א עושר,

אפילו ווען דער איד איז ליידער אנגעקומען אונטער די הענט פון די דייטשן ימ״ש ביי די מלחמה, האט זיך אים אייביג אונטער געריקט געלעגנהייטן, פון וואס ער האט געהאט וואס ער האט געברויכט, אלעס אין דעם זכות פון א ברכה פון דעם צדיק דער חקל יצחק זי״ע,

ווערט געברענגט א מעשה פלא, בשנת תרע״ג ווען דער צדיק וקדוש דער חקל יצחק זי״ע האט חתונה געמאכט זיין זון הרה״ק רבי ישראל חיים זי״ע, מיט די טאכטער פון הרה״ק רבי אלעזר רובין מסאסוב זי״ע, איז דער צדיק געפארן צום שטאט סאסוב צו די חתונה, פארשטייט זיך אז מען האט אנגעגרייט א שיינע אכסניא פארן צדיק,

אבער לפלא ווען דער צדיק איז אנגעקומען און מען האט אים געוואלט פירן צום אכסניא, האט דער צדיק געזאגט אז ער וויל ענדערשט זיכן א אנדערע אכסניא, עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר די אידן, וויבאלד מען האט דאך אים אנגעגרייט א שיינעם אכסניא,

אזוי ארום פארענדיג אויף די גאסן פון סאסוב, האט דער צדיק געהייסן זיך אפשטעלן ביי א גאס, און דער צדיק האט געוויזן אויף איין הויז און געזאגט אז דא אין דעם הויז וויל ער איינשטיין, מען איז אריין אינעם הויז און דארט האט געוואוינט א אלטער איד, האט מען געפרעגט דעם איד וואס איז דאס חשובות פון דעם הויז,

האט דער איד געזאגט, אז ער האט געהערט אלס קינד, אז אויף דעם פלאץ איז מיט יארן צוריק געשטאנען די סוכה פון הרה״ק רבי משה לייב מסאסוב זי״ע, דאן האבן די מענטשן פארשטאנען, אז דער צדיק דער חקל יצחק זי״ע האט מרגיש געווען די קדושה פונעם פלאץ, און דערפאר האט ער דווקא דארט געוואלט איינשטיין,

איינמאל איז דער צדיק דער חקל יצחק זי״ע געווען אין שטאט בודאפעסט און מען האט מסדר געווען דעם רבין אין שטוב פון הרה״ח ר׳ אברהם יצחק שטיינמיץ ע״ה, אבער לפלא אזוי ווי דער צדיק האט אריין געטרעטן אינעם שטוב, און געלייגט די האנט אויף די מזוזה, האט זיך דער צדיק דערשראקן און א טאנץ געגעבן אויף צוריק, דער בעל אכסניא האט גלייך פארשטאנען אז דא איז עפעס נישט גוט, האט ער אראפ גענומען די מזוזה,

און לפלא האט ער געזען אז די מזוזה איז געווען פסול, און דער צדיק האט דאס גלייך מרגיש געווען, נאר מיטן לייגן זיינע הייליגע הענט אויף די מזוזה,

איינע פון די חסידים פונעם חקל יצחק זי״ע איז אמאל געווען אויף א שבת קודש במחיצות פון זיין רבין, דער איד האט געוואוינט און א גאר ווייטע שטאט פון ווי די רבי האט געוואוינט, שבת קודש צופרי איז דער צדיק צו געקומען צו דעם חסיד, און די רבי זאגט אים, עס קומט זיך דיר א מזל טוב, עס איז דיר געבוירן געווארן א מיידל בעבי,

דער איד האט זיך זייער געפרייט מיט די בשורה, האט ער געפרעגט דעם רבין, אויב ער קען יעצט ביי קריאת התורה געבן א נאמען פארן קינד, האט די רבי געזאגט פארן חסיד, אז ער זאל קיינעם נישט דערציילן וועגן די בשורה, ווייל דער צדיק האט נישט געוואלט עס זאל נתפרסם ווערן די מופת, נאך שבת איז דער איד טאקע געוואר געווארן, אז ממש יענע צייט וואס די רבי האט אים געגעבן מזל טוב, איז טאקע געבוירן געווארן דאס קינד,

א בחור איז אמאל געקומען צום חקל יצחק זי״ע און זיך מזכיר געווען אז ער ברויך זיך שטעלן צו די מיליטער, און געבעטן א ברכה פונעם צדיק, האט אים דער צדיק געגעבן א ברכה אז ער זאל ״נושא חן זיין״, דער בחור האט זיך זייער געוואונדערט אויף די ברכה, וויבאלד ער איז דאך געקומען פאר א ברכה, אז ער זאל זיך פטר׳ן פון די מיליטער, איז וואס וועט אים העלפן נשיאות חן,

שפעטער איז דער בחור טאקע אריין אין די מיליטער צוזאמען מיט נאך בחורים, און דער אפעציר פון די מיליטער האט גאר שטארק געפייניגט די אנדערע בחורים, אבער דער בחור האט משום איזה סיבה נושא חן געווען ביי דעם אפעציר, און ער האט אים גאר שיין באהאנדעלט די גאנצע צייט, דאן האט דער בחור שוין פארשטאנען וואס די רבי האט געמיינט מיטן ברכה ״זאלסט נושא חן זיין״,

**יארצייט**
**דינסטאג י״ד סיון**

**הגה״ק רבי חיים ב״ר יצחק זי״ע, (איצקוביץ),**
**בעל נפש החיים, מייסד ישיבת וולוזין,**
**״הנקרא רבי חיים וואלאזינער״**

ער איז געבוירן אין שטאט וולוזין, ז׳ סיון בשנת תק״ט,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי יצחק פרנס קהילת וולוזין זי״ע,
בן הגה״ק רבי חיים זי״ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת רבקה ע״ה,
בת הגה״ק רבי ישראל הכהן ראפפורט אב״ד פינסק זי״ע,
בן הגה״ק רבי שמחה הכהן זי״ע,

ער איז געווען דער מאור הגולה, צדיק וחסיד מפורסם, ער איז געווען א גאון הגאונים און א בקי נפלא אין אלע חלקים פון די תורה, ביי די 22 יאר האט ער שוין מסיים געווען גאנץ ש״ס בעיון נפלא מיט אלע מפרשים, ער האט זיך אוועק געגעבן זיין גאנץ לעבן צו מרביץ תורה זיין פאר זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, דער גאון איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן גאר אסאך אוועק געגעבן פאר אנדערע אידן, ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד מיט א מסירת נפש ממש, דער גאון איז געווען דער ראש פון אויף שטעלן ישיבות אין ליטא, וואס פון דעם גאון האבן זיך רוב גדולים אין ליטא אפ געלערנט ווי אזוי צו אויף שטעלן א ישיבה אויפן ריכטיגע וועג,

ביי די 12 יאר איז ער געפארן לערנען ביי הגה״ק רבי רפאל זוסקינד הכהן כ״ץ בעל תורת יקותיאל מהמבורג זי״ע, וואס איז געווען פארעכענט פון איינע פון די גרעסטע גאונים בדורו, דארט איז דער רבי חיים מורא׳דיג געוואקסן אין תורה און זיך משלים געווען אין א גרויס חלק פון ש״ס,

ביי די 15 יאר איז ער געגאנגען לערנען ביי הגה״ק רבי ארי׳ ליב גינצבורג בעל שאגת אריה זי״ע, וואס איז דאן געווען רב אין וואלזשין, דער הייליגער שאגת אריה האט געהאט א התנגדות אין לערנען פלפול, דארט האט ער געלערנט בערך פאר א יאר, דער גאון האט דעם בחור רבי חיים זייער מחבב געווען,

ביי די 19 יאר איז ער געפארן קיין ווילנא לערנען ביי הגה״ק רבי אליהו בעל הגר״א מווילנא זי״ע, און דער גאון האט דעם הייליגען גר״א געהאלן פאר זיין רבו מובהק, גאר אסאך תורה האט דער גאון געלערנט ביים הייליגען גר״א זי״ע, און זיין רבי האט געהאט א געוואלדיגע אהבה פאר דעם תלמיד און גאר שטארק מעריך געווען זיין גדלות וחריפות בתורה,

בשנת תקל״ד האט ער בהסכמת פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער גר״א מווילנא זי״ע אן גענומען דאס רבנות אין שטאט וואלזשין, ער איז יא געווען מער צו די חסידישע הנהגה אנדערש ווי זיין רבי דער הייליגער גר״א זי״ע, דארט אין וואלזשין איז ער געווען פאר 15 יאר, דערנאך איז ער געווארן רב אין שטאט ווילקומיר, אבער נאך א יאר איז ער צוריק קיין וולוזין און דארט איז ער געבליבן ביז צו זיין הסתלקות,

נאך די פטירה פון זיין רבי דער הייליגער גר״א זי״ע, האט דער גאון אויף געשטעלט זיין באוויסטע ישיבה ״ישיבת עץ החיים וולוזין״, און מיט דעם ישיבה איז געווארן א מהפיכה אין עולם הישיבות אין ליטא, עד כדי כך אז מען האט דעם ישיבה אנגערופן מיטן נאמען ״אבי הישיבות הליטאיות״, דער גאון האט דעם ישיבה אויפגעשטעלט מיט א געוואלדיגע מסירת נפש,

דער גאון האט פרעזענליך צוזאמען געשטעלט געלט, און געפירט דעם ישיבה מיט א מורא׳דיגע שטארקייט, אויך איז ער דאן ארויס געקומען מיטן מכתב גלוי ״אוהבי התורה״ ווי ער האט געריפן אלע גדולים און תלמידי חכמים להרמת קרן התורה, ער האט דארט ארויס געברענגט די יסוד צו דעם לימוד התורה וואס איז נאך עד היום אן גענומען ביים ליטווישען חדר,

ער האט זיך דארט אין וולאזשין אוועק געגעבן פארן כלל, אויך איז צו אים געקומען גאר שווערע שאלות פון אלע שטעט ארום, און דער גאון האט זיך אפגעגעבן צו ענטפערן די אלע שאלות מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, מיט די צייט איז דער גאון געווארן דער גדול הדור,

ער האט געשריבן בזה״ל, ״והן עתה שבעוה״ר בסביבותינו נתיתם הדור מחכמים והעלו על צוארי עול ההוראות מכל הסביבה שאינם מתירים בשום אופן בלתי הסכמת דעתי הקלה, וחשבתי עם קוני וראיתי חובה לעצמי להתחזק בכל כחי ולשקוד על תקנות עגונות״,

ער האט פון זיין ישיבה ארויסגעגעבן גרויסע תלמידים ובתוכם,
הגה"ק רבי יעקב בעל משכנות יעקב מקארלין זי"ע,
הגה"ק רבי דוד טביל בעל נחלת דוד ממינסק זי"ע,
הגה"ק רבי יוסף מסלוצק זי"ע,
הגה"ק רבי דובער יפה מאוטיאן זי"ע,
הגה"ק רבי מאנדיל ממינסק זי"ע,
הגה"ק רבי מיכל מהאזינפוט זי"ע,
הגה"ק רבי יוסף זונדול מסלנט זי"ע,
הגה"ק רבי זלמן מזאגיר זי"ע,
הגה"ק רבי שמעון מקיידאן זי"ע,
הגה"ק רבי אשר בעל ברכי ראש משערשאוו זי"ע,
הגה"ק רבי יוסף מקרינאק זי"ע,
הגה"ק רבי יעקב מאיר יאלאווקער זי"ע,
הגה"ק רבי אליהו רגולר מקאליש זי"ע,
הגה"ק רבי משה מראסיין זי"ע,
הגה"ק רבי יחזקאל סג"ל לאנדא מווילנא זי"ע,
הגה"ק רבי יצחק מינקובסקי בעל קרן אורה זי"ע,
הגה"ק רבי אריה לייב שפירא מקובנה זי"ע, הנקרא ר' לייבלי קובנער,

אפילו דער גדול האט נישט געהאלטן פון דעם דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, איז ער אבער נישט געווען אזוי דערקעגען ווי זיין רבי דער הייליגער גר"א זי"ע, נאר ער האט מכבד געווען די חסידים און זיך געשריבן בתורה מיט זיי, אויך ביי אים אין ישיבה האבן געלערנט תלמידים וואס זענען געגאנגען אויפן דרך החסידות, און ער האט די תלמידים מקרב געווען און מחבב געווען מיט א געוואלדיגע אהבה,

אויסער זיין גרויסקייט אין תורה איז דער גאון געווען א חכם גדול במילי דעלמא, עד כדי כך אז מען האט דעם גדול גערופען בתואר "חכימא דיהודאי", אלע גדולים בדורו האבן זיך גערעכנט מיט זיינס א ווארט, אלע האבן געוויסט אז ער איז כולו קודש לד', דער גאון האט זיך מוסר נפש געווען פאר די ישיבה, וואס נישט אימזינסט איז פון דארט ארויסגעקומען גדולים בתורה, ווייל א זאך וואס ווערט געבויעט מיט מסירת נפש איז מצליח,

אפילו זייענדיג א צוגעלאזענע מענטש און א עניו, אבער ווען עס איז געקומען צו סיי וואס האט נוגע געווען קעגן הלכה אדער א מנהג, האט דער גאון זיך נישט געלאזט קיין כי הוא זה, ער האט זיך געהאלטן צום אמת און נישט פראבירט צו נושא חן זיין פאר קיין שום מענטש,

זיין תלמיד הגאון המפורסם רבי דוד טביל אב"ד מינסק זי"ע איז מעיד אויף זיין רבין, אז ער האט פון זיין אייגען געלט אסאך צדקה געגעבן און חתונה געמאכט יתומים און יתומות, זיין שטוב איז אייביג געווען אפען פאר אידן וואס זענען געקומען פאר א עצה ותושיה, און כסדר געזאגט פאר זיינע קינדער און תלמידים אז א מענטש איז נישט דא אויף די וועלט פאר זיך, נאר כדי צו העלפן א אנדערן איד,

אפילו זייענדיג פארעבענט אלס איינע פון די גדולים בדורו, האט דער גאון וויייניג געהאלטן פון זיך, נאר האט געזאגט אז זיין כוונה פון דאס רבנות איז נאר כדי צו לערנען תורה און יראת שמים מיט זיינע תלמידים,

און אפילו מען האט אים גערופען מיטן טיטול רבי, האט ער זיך קיינמאל נישט גערופען מיט דעם טיטול, ער האט זיך קיינמאל נישט אינטערגעשריבן אלס "אב"ד ור"מ בוואלוזין" נאר אויף אלע זיינע תשובות האט ער זיך אינטער געשריבען "יליד וואלוזין" און איין מאל האט ער זיך אינטער געשריבען "חיים במהרי"ץ המלמד בעהי"ת בוואלוזין",

זיינע דברי תורה זענען געדריקט געווארן און די ספרים,
ספר נפש החיים,
ספר רוח חיים, על מסכת אבות,
ספר חוט המשולש, שו"ת ומכתבים.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
הגה"ק רבי יצחק מוולוז'ין זי"ע, המכונה רבי איצלה מוולוז'ין, ממלא מקום אביו כראש הישיבה בוואלוזין,
הגה"ק רבי יוסף זי"ע,
בתו, מרת אסתר ע"ה, אשת הגה"ק רבי הלל פריד מגרודנא זי"ע,
בתו מרת רלקא ע"ה, אשת הגה"ק רבי יוסף סולובייציי'ק אב"ד ווילייאמפול זי"ע,
בתו מרת חסא ע"ה, אשת הגביר הרבני הנגיד רבי מרדכי קמנצקי זי"ע,

זיינע ברידער זענען געווען,
הגה"ק רבי שלמה זלמן מוולוז'ין זי"ע, הנקרא רבי זעלמעלע מוולוז'ין,
הגה"ק רבי יוסף משערשוב זי"ע,

דאס לעצטע האלבע יאר בעפאר זיין הסתלקות איז ער געווען מדוכא ביסורים, אבער דער גאון האט זיך נישט אפגערדעט, נאר זיי אן גענומען באהבה, פארציילט מען אז ראש השנה בשנת תקפ"א האט מען אים מכבד געווען מיט הגבה, און די ספר תורה איז ארויס געפאלן

פון זיינע הענט, דאן האט ער מגלה געווען פאר זיינע מקורבים אז אין דעם יאר וועט ער נסתלק ווערן,

נסתלק לגנזי מרומים י"ד סיון בשנת תקפ"א, בן ע"ב שנה, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט וואלוזיין,

גאונים פון זיין דור זענען געקומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד פארן גאון הדור, וואס האט זיך זייו גאנצ'ן לעבן מוסר נפש געווען פאר תורה און אידישקייט,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע האט געהאט זיין גאנצ'ן לעבן א קפידה, נישט צו מאכן א ברכה אן דעם וואס איינער זאל נאך זאגן אמן אויף די ברכה, איין נאכט עס איז געווען גאר שפעט און עס האט זיך נישט געפינען קיינער וואס זאל נאך זאגן אמן, און עס האט דעם גאון אן געכאפט א שרעקליכע דארשט, אבער דער גאון האט נישט געוואלט נאך געבן אויף זיין מנהג,

פלוצלונג קומט אריין א בחור איינע פון די תלמידים פון די ישיבה, און ער וויל עפעס פרעגן פונעם ראש ישיבה, רבי חיים האט זיך גאר שטארק געפרייט אז איינער איז דא, און ער האט געמאכט דעם ברכה שהכל און א בורא נפשות, און דאס האט זייער דערפרייט דעם גאון, אז ער האט ווייטער געקענט אנהאלטן זיין מנהג טוב,

דעם קומענדיגען טאג איז דער גאון צו געקומען צום בחור אין ישיבה, און דער גאון האט זיך זייער באדאנקט פארן בחור, אז ער איז פונקט געקומען צום ריכטיגע צייט אז ער האט געקענט דערכאפן זיין דורשט, אבער דער בחור ווייסט בכלל נישט וואס דער גאון מיינט, און דער בחור זאגט, די ראש ישיבה זאל מיר מוחל זיין, אבער איך בין נעכטן ביינאכט נישט געווען ביים ראש ישיבה אין שטוב,

דאן האט שוין דער גאון פארשטאנען, אז דער וואס איז געקומען נעכטן בצורת פונעם בחור, איז געווען א מלאך וואס מען האט אראפ געשיקט פון הימל, כדי דער גאון זאל נישט ברויכן ברעכן זיין מנהג טוב און האבן ווער עס זאל זאגן אמן אויף זיין ברכה, אבער דער גאון האט דעם בחור זייער מחשב געווען זייט דעמאלט, ווייל אז א מלאך פון הימל איז געקומען בצורת פון דעם בחור, מיז זיין אז דער בחור איז געווען גאר חשוב, אבער דאס ווייזט דאס חשובות פון דעם גאון אין הימל, אז מען האט אראפ געשיקט א מלאך וואס זאל נאך זאגן אמן אויף זיין ברכה,

איז געווען א איד וואס פלעגט געבן שיינע נדבות צו מחזק זיין די ישיבה פונעם הייליגען גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע, איין טאג איז געקומען דער משולח וואס איז ארום געגאנגען נאך געלט פאר די ישיבה, און מציע געווען פארן גאון, אז עס וואלט געווען א גוטע עצה, אז ער דער משולח זאל זיך אויסשטאפירן מיט מער מכובד'יגע קליידער, כדי עס זאל מאכן א בעסערן איינדרוק אויף די מנדבים, און אויך האט ער געזאגט, אז ער וויל מען זאל אים קויפן א פערד און וואגן, כדי ער זאל קענען גרינגער ארום גיין פאר די נדבות און נישט דארפן צו קומען צו קיין אנדערע, וואס דאס מאכט די עבודה שטייטער, דער גאון האט מסכים געווען און מען האט דאס אלעס געגעבן פארן משולח,

די קומענדיגע מאל ווען ער איז געקומען צו דעם נדבן וואס פלעגט געבן שיינע נדבות, האט דער איד מער נישט געוואלט געבן קיין נדבה פאר די ישיבה, און ער האט געזאגט פארן משולח, אז אויב גייט דאס געלט פארן מוסרות ווי א פערד און וואגן און שיינע קליידער, דאן וויל ער מער נישט געבן זיין נדבה, ווען דער משולח האט דאס דערציילט פאר רבי חיים'ן, האט דער גאון געזאגט, אז ער וויל אליין אראפ פארן צו דעם איד,

ווען דער גאון איז אנגעקומען צו דעם איד, האט אים דער איד אויף גענומען בכבוד גדול, ווען ער האט געפרעגט דעם איד פארוואס ער וויל מער נישט געבן זיין נדבה, האט דער איד געזאגט, אז ווי לאנג ער האט געוויסט אז זיין נדבה גייט צו מחזק זיין דעם ישיבה, איז דאס געווען פאר אים א זכי', און ער האט דאס געגעבן בחפץ לב, אבער יעצט אז ער זעהט אז מען ניצט דאס געלט אויף קליידער און א פערד און וואגן, וויל ער שוין מער נישט געבן זיין נדבה,

האט דער גאון געזאגט פאר דעם איד, לכאורה האט יעדער וואס האט געגעבן א נדבה פאר די בית המקדש געוואלט אז דאס געלט זאל גיין פאר דעם קדשי הקדשים, אבער די תורה זאגט אז בצלאל האט געהאט דעם רוח חכמה צו וויסן אויף יעדע נדבה ווי עס צו לייגן, און מיט וואסערע כוונה דער מענטש האט דאס געגעבן, אויב א איד האט געגעבן זיין נדבה אן קיין שום פניה אדער כוונה נאר לשם שמים, דאן האט ער געניצט די

געלט פארן קדשי הקדשים, אבער אויב דער איד האט געגעבן זיין נדבה מיט א כוונה אדער פניה פאר כבוד, האט ער געניצט דאס געלט פארן היכל, אא"וו.

דאס זעלבע איז דא ביי די ישיבה, די נדבה וואס די גיבסט מיט א ריינע כוונה כדי צו מחזק זיין דעם ישיבה און האבן א חלק אין די תורה וואס מען לערנט דא, וועט דער באשעפער זיכער מאכן אז דאס געלט זאל ווערן געניצט ריין נאר פאר די ישיבה, דער איד האט זייער גוט פארשטאנען די ווערטער פונעם גאון און ווייטער געגעבן זיין נדבות ווי אמאל.

דער גרויסער גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע האט אמאל דערציילט, אז ער איז אמאל געפארן אויף שבת קודש צו זיין רבין דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע, ערב שבת איז רבי חיים געגאנגען אין מקו' זיך גרייטענדיג אויף שבת קודש, אבער אזוי ווי די רבי דער הייליגער ווילנער גאון האט געהערט, אז זיין תלמיד חביב איז דא אין ווילנא, האט ער געבעטן אז מען זאל אים שוין רופן, פארשטייט זיך דער תלמיד איז געקומען צו לויפן צום רבין, און ער זעט ווי דער הייליגער גאון זיצט פארשווארצט פאר צער מיט א נאס האנטיך אויפן קאפ פון גרויס יסורים,

פרעגט דער תלמיד רבי חיים דעם ווילנער גאון וואס גייט פאר, זאגט אים דער גאון, איך האב דא א שטיקל ירושלמי וואס איך פלאג מיך שוין אפאר טאג צו פארשטיין אבער עס גייט מיר נישט, בעט איך דיר העלף מיר, דער תלמיד האט פארן רבין געזאגט, אויב די רבי פארשטייט דאס נישט ווי אזוי וועל איך דאס פארשטיין, נאר זאגט רבי חיים פאר זיין רבי, עס שטייט אין קהלת "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד" לאמיר פראבירן אויב צוזאמען מיטן רבין וועט מען אפשר קענען עפעס פארשטיין,

נאך א שטיק צייט איז פאר דעם תלמיד רבי חיים געלונגען צו פאר ענטפערן דעם ירושלמי, און גלייך האט ער געזען ווי די אויגן פונעם גאון איז לעבטיג געווארן, און דאן האט דער גאון געהייסן, מען זאל אריין ברענגען עפעס צו עסן, דאן האבן די שטוב מענטשן דערציילט פאר רבי חיים, אז דער גאון פלאגט זיך שוין אויף דעם ירושלמי אפאר טאג, און דערפאר האט ער שוין נישט אריין גענומען אין מויל גארנישט, ביז ער פארשטייט נישט דעם ירושלמי,

דערציילט דער תלמיד רבי חיים מוולאזין זי"ע, אז איין יו"ט פסח צופרי האט ער געטראפן זיין רבין דער הייליגער ווילנער גאון זייער צוטראגן, האט ער געזאגט פאר זיין רבין, רבי היינט איז דאך יו"ט מען דארף זיין פרייליך ושמחת בחגך פארוואס איז די רבי אזוי צוטראגן,

האט דער הייליגער ווילנער גאון זי"ע געזאגט, די נאכט נאכן סדר האט מען מיר מגלה געווען 2160 פשטים אויפן פסוק, "וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן וְשָׁם אֲחִימַן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק וְחֶבְרוֹן שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה לִפְנֵי צֹעַן מִצְרָיִם", וואס נאר פון איין פשט אליין האב איך געקענט וויסן אלע כוחות פון אלע בעל חיים פון די וועלט, אבער ווען איך האב מיך דערוועקט צופרי, האב איך מהרהר געווען אין דעם בעפאר ברכת התורה, און איך האב די אלע פשטים פארגעסן, און דערפאר האט זיך דער גרויסער ווילנער גאון מצער געווען,

דער זון הגה"ק רבי איצלה מוואלאזיין זי"ע האט דערציילט, אז דער גאון האט געהאט א טאכטער וואס האט געוואוינט אין א ווייטע מדינה, די טאכטער האט געהייסן חסא, איין טאג האט דער גאון געשריבן א בריוו צום טאכטער נאכפרעגענדיג אויף איר וואוילזיין און די משפחה, ווען ער האט געענדיגט שרייבן דעם בריוו, האט ער דאס געשיקט מיט א תלמיד זיינער צום פאסט אפיס, אז ער זאל דאס ארויס שיקן צום טאכטער,

אבער גלייך ווען דער תלמיד איז ארויס, האט דער גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע אים צוריק געריפן, און ער האט איבער געשריבן דעם בריוו נאכאמאל, און ער האט געגעבן פארן תלמיד דעם נייעם בריוו אנשטאט דעם ערשטן בריוו, אז ער זאל דאס צווייטע ארויס שיקן און נישט דאס ערשטע,

דער זון רבי איצלה זי"ע ווען ער האט דאס געזען, האט ער גלייך געפרעגט דעם טאטן, וואס איז פשט אז ער האט צוריק געריפן דעם שליח און איבער געשריבן דעם בריוו, האט דער גאון וואס האט גאר שטארק מדייק געווען אויף יעדע זאך וואס ער האט געטון געענטפערט, אינעם ערשטן בריוו האב איך געשריבן דעם נאמען פונעם טאכטער "חסיה", אבער באמת שרייבט מען דאס "חסא", און דערפאר האט ער דאס געוואלט איבער שרייבן, וויל אויב וועט איינער וועלן ברענגען א ראיה פון מיין בריוו, ווי אזוי מען שרייבט דעם נאמען, זאל דאס זיין אויף די ריכטיגע וועג,

עס איז דורך אפאר וואכן און די טאכטער חסא איז געקומען אויף א באזיך צום טאטן, האט דער ברודער

רבי איצלה דערציילט פארן שוועסטער די גאנצע מעשה מיטן בריוו, האט די שוועסטער דערציילט וואס עס איז נישט לאנג פאר געקומען ביי זיי אין שטאט, וואס דאס האט ארויס געברענגט דעם סייעתא דשמיא און ערליכקייט פון דעם גאון רבי חיים מוולוזי׳ן זי״ע,

דערציילט די טאכטער אזוי, ביי זיי אין שטאט האט מען געברויכט מסדר זיין א גט, און די נאמען פון די פרוי איז געווען "חסא", אבער ווען מען איז געקומען צום שרייבן דעם גט, האבן די דיינים נישט געוויסט ווי אזוי צו שרייבן דעם נאמען פון די פרוי ריכטיג לויט די הלכה,

האט איינער מציע געווען, אז רבי חיים האט דאך א טאכטער וואס הייסט אויך מיט דעם נאמען, דאן לאמיר זען ווי אזוי איר טאטע שרייבט דעם נאמען, וועט מען פון דעם וויסן ווי אזוי מען ברויך עס שרייבן להלכה, דאן האט מען דורך געקוקט טאקע דעם בריוו, און דארט האט מען געזען אז מען ברויך עס שרייבן "חסא", און נישט "חסיה", האט דער זון רבי איצלה דאן געזען דעם ווייטן בליק און די גאוואלדיגע סייעתא דשמיא פונעם טאטן רבי חיים זי״ע,

פון די מעשה קען מען זעהן די געוואלדיגע קשר פונעם גאון וקדוש רבי חיים מוולוזי׳ן זי״ע צו זיין גרויסע רבי דער הייליגער ווילנער גאון זי״ע, ווערט דערציילט, אז ווען דער גאון רבי חיים מוולאזין זי״ע האט געוואלט מייסד זיין די ישיבת וולוז׳ין, איז ער אריין צו זיין גרויסן רבין דער ווילנער גאון זי״ע, צו פרעגן זיין חוות דעת אויב ער זאל מייסד זיין די ישיבה,

אבער לפלא נאכן אראפ לייגן די גאנצע דין ודברים איבער די ישיבה, האט זיין רבי דער הייליגער ווילנער גאון גארנישט געענטפערט פארן תלמיד, און דערפאר האט דער תלמיד אנגענומען ביי זיך, אז מן הסתם איז זיין רבי נישט מסכים צו דעם געדאנק פון גרינדען א ישיבה, איז דער גאון רבי חיים אהיים און מער נישט געטראכט פון דעם געדאנק, אבער אפאר יאר שפעטער ווען ער איז נאכאמאל געווען ביי זיין גרויסן רבי דער ווילנער גאון, האט ער נאכאמאל פאר געלייגט די געדאנק, און דאן האט דער ווילנער גאון מסכים געווען אז ער זאל גרינדען זיין ישיבה און געגעבן א ברכה, אז דער באשעפער זאל העלפן אז ער זאל מצליח זיין,

דער תלמיד רבי חיים מוולאזין זי״ע האט גלייך פארשטאנען אז דא האט עפעס העכער׳ס געברויכט פאסירן, און זיך נישט קענענדיג איינהאלטן האט ער געפרעגט פון זיין גרויסן רבין, רבי מעיקרא מאי קסבר, והשתא מאי קסבר, פארוואס דאס ערשטע מאל ווען איך בין געקומען האט די רבי מיר גארנישט געענטפערט, אבער יעצט האט די רבי מסכים געווען אז איך זאל גרינדען דעם ישיבה, וואס האט יעצט פאסירט אנדערש ווי דאס ערשטע מאל,

האט דער הייליגער ווילנער גאון זי״ע וואס איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע חכמה און געוואלדיגע זהירות און קדושה געזאגט, דאס ערשטע מאל ווען די בוסט געקומען צו מיר רעדן וועגן די ישיבה, האסטו גערעדט מיט א געוואלדיגע התפעלות פון די איינפאל פון אויף מאכן א ישיבה, און א זאך וואס ברענגט פאר א מענטש א גרויסע התפעלות, כאפט זיך אין דעם אריין א מחשבה פון גאווה כאילו איך בין באמת עפעס אז איך וויל מייסד זיין א ישיבה,

דערפאר האב איך נישט געוואלט דאס ערשטע מאל מסכים זיין אז די זאלסט אויף שטעלן די ישיבה, אבער יעצט ווען די בוסט געקומען פרעגן האב איך גלייך דערשפירט, אז דא איז נישט דא קיין שום גאווה, נאר אלעס איז געווען ריין כולו לשם שמים נאר צו קענען מרביץ תורה זיין פאר אידישע קינדער אן קיין שום פניה נאר ממש לשם שמים, דערפאר האב איך מסכים געווען אז די זאלסט מייסד זיין דעם ישיבה.

דער הייליגער חזון איש זי״ע האט דערציילט סוף ימיו, אז ווען מען האט אנגעטראגן א שידוך פאר איינע פון די אייניקלעך פונעם גאון רבי חיים מוולוזי׳ן זי״ע, האט זיך דער שידוך כסדר פארצויגן, יעדעס מאל עס האט שוין אויס געזעהן ווי דער שידוך גייט ווערן, איז אונטער געקומען אן אנדערע סיבה וואס האט אפגעהאלטן דעם שידוך,

ביז איין טאג איז דער גאון רבי חיים אריין געקומען אין שטוב און געזאגט, היינט גייט אי״ה ווערן געשלאסן דעם שידוך, און לפלא איז דער מחותן טאקע געקומען יענעם טאג, און מען האט געשלאסן דעם שידוך, די שטוב מענטשן און קינדער פונעם גאון זענען ממש נתפעל געווארן פון דעם און געפרעגט דעם גאון, איז דאס געווען אפשר רוח הקודש, ווייל פון ווי האט די רבי געוויסט אז די שידוך וועט טאקע היינט געשלאסן ווערן,

האט דער גאון מיט זיין גרויס ענוות אוועק געמאכט די גאנצע זאך און געזאגט, דא איז בכלל נישט געווען קיין

רוח הקודש, נאר ביז היינט האב איך די גאנצע צייט געטראכט ביי מיר, אז די שידוך איז אין מיינע הענט, און דערפאר האט איך כסדר דורך געטון אלע צדדים און געטראכט אויב די שידוך איז טאקע ריכטיג, אבער היינט צופרי איז מיר אריין געקומען אין מחשבה צו גיין מיט די עצה וואס חז"ל זאגן (אבות פ"ד מ"ב) בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, אז איך זאל מבטל זיין מיין רצון, פארן רצון פונעם גרויסן באשעפער, דאן וועט מקיים ווערן כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנְךָ, און דערפאר האב איך פארשטאנען אז די שידוך גייט היינט געשלאסן ווערן.

הגה"ק רבי ברוך בער מקמניץ זי"ע האט אמאל דערציילט, אז אין די צייטן פונעם גרויסן גאון וקדוש רבי חיים מוולאזין זי"ע איז ארויס א שווערע גזירה אויף די אידן דורך א שר צורר היהודים א גרויסע שונא ישראל, און דער גרויסער גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע איז אראפ געפארן צום שר צו שתדלן צו מבטל זיין די גזירה, און ווען דער גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע איז אנגעקומען צום שר, האט ער גלייך געזאגט פארן שר, אז ער האט געברענגט "שוחד" פארן שר צו אונטער קויפן אז ער זאל מבטל זיין די גזירה,

דער שר וואס איז געווען א שונא ישראל אבער צו אלעם איז ער געווען א גרויסע בעל גאווה איז געווארן אין כעס אויפן גאון, און ער האט זיך גענומען שרייען אויפן גרויסן גאון מיט קולות, די מיינסט טאקע אז די וועסט מיך אונטער קויפן מיט געלט, האט דער גאון מסביר געווען פארן שר, אז ער האט בכלל נישט גערעדט פון געבן געלט אלס שוחד, נאר זיין שוחד וואס ער האט געברענגט איז "הייסע טרערן", און דאן האט זיך דער גאון גענומען ביטערליך וויינען ווי א קינד בדמעות שליש, און ער האט זיך ממש געבעטן מיט טרערן צום שר, אז ער זאל מבטל זיין די גזירה,

לפלא איז דער רשע דער שר זייער נתרגש געווארן פון די טרערן פונעם גאון, און ער האט גלייך מסכים געווען צו מבטל זיין די ביטערע גזירה וואס מען האט געהאט ארויסגעגעבן קעגן די אידן, און דאן האט דער רשע דער שר געזאגט, ווי אזוי קען זיין אז ביי אידן איז נישט דא צו געפינען נאך א גדול אדער א מנהיג ישראל, וואס זאל זיך נישט שעמען און מסכים זיין צו קומען וויינען ווי א קינד מיט ביטערע טרערן פארנט פונעם שר, נאר צו מבטל זיין א גזירה אויף כלל ישראל, וואס אפילו להבדיל דער גוי דער רשע האט געשפירט דאס אמת אין די טרערן פונעם גרויסן גאון רבי חיים מוולאזין זי"ע.

דער גרויסער גאון וקדוש רבי חיים הלוי סולובייצ'יק מבריסק זי"ע האט אמאל דערציילט, אז איינמאל האט געהערשט א שווערע עצירת גשמים אין די גאנצע געגנט פון ליטא, עס איז געווען א שווערע טריקעניש און עס האט נישט גערעגנט אפילו א טראפ רעגן, און עס איז דאן פאר געקומען אן אסיפת רבנים אין ווילנא צו מתפלל זיין אז עס זאל שוין קומען רעגן, איינע פון די וואס האבן געברויכט רעדן ביים אסיפה איז געווען, דער גרויסער גאון וקדוש רבי חיים מוולאזין זי"ע,

בעפאר דער גאון רבי חיים איז ארויף זאגן זיין דרשה, איז ער צו געגאנגען צום פענסטער פונעם שטוב, און ער האט אויף געמאכט די פענסטער און זיך ארויס געבויגן און געזאגט בזה"ל, "רבוש"ע אידן דארפן רעגן, עמך ישראל צריכין גשמים, און דער גאון האט איבער געזאגט די ווערטער, "רבוש"ע אידן דארפן רעגן", און דאן האט דער גאון זיך אנגערופן בזה"ל, "איך האב שוין געדאווענט צוויי מאל אז אידן ברויכן רעגן", און לפלא האט זיך גלייך נאכדעם אן געזעהן די וואלקנ'ס אויפן הימל, און נאך בעפאר דער גאון האט געקענט אנהייבן זיין דרשה, האט זיך אראפ געלאזט א גאס רעגן, ווייל צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

דער זוהן הגה"ק רבי איצילה מוולאזין זי"ע האט דערציילט, אז ער האט דאס געהערט פון איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם טאטן, אז אין שטאט וולאזין ווען עס פלעגט זיך אראפ לאזן א שניי, איז דאס געקומען גאר שטארק און עס האט ממש באדעקט די גאנצע גאס מיט גאר הויכע שניי, אבער לפלא יעדעס מאל עס איז אראפ געקומען א שניי ביינאכט, האבן די תלמידים פונעם ישיבה געזעהן, אז די גאנצע וועג ביז צו די ישיבה איז געווען גערייניגט,

איין נאכט ווען עס האט זיך אראפ געלאזט א שטארקע שניי, זענען צוויי תלמידים אויף געשטאנען גאר פרי און ארויס אויף די גאס צו זעהן ווער עס רייניגט אפ די גאס, צו זייער גרויסע וואונדער האבן די תלמידים געזעהן, אז דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער ראש ישיבה דער רב דער גאון וקדוש רבי חיים מוולאזין זי"ע, ווייל דאס איז געווען דאס מסירת נפש און אהבת ישראל און אהבת התורה וואס דער גאון האט געהאט, אז זיינע תלמידים זאלן קענען גיין אין ישיבה גרינגערהייט לערנען די הייליגע תורה.

**יארצייט**
**מיטוואך ט"ו סיון**

**הרה"ק רבי מאיר יוסף ב"ר ברוך זי"ע, הי"ד, (רובין), אב"ד קערעסטיר,**

ער איז געבוירן אין שטאט בריזדוביץ, בשנת תרנ"ט,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי ברוך רובין אב"ד בריזדוביץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי מאיר מגלוגוב זי"ע, חתן הרה"ק רבי יוסף מדאמבראווא זי"ע,
בן הרה"ק רבי מנחם מענדל מגלאגוב זי"ע, חתן הרה"ק בעל אור לשמים מאפטא זי"ע,
בן הרה"ק רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מרופשיץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שרה שלאמצא ע"ה,
בת הרה"ק רבי מנחם מענדל מזידיטשוב זי"ע, חתן הרה"ק רבי חיים אברהם ממיקולייב זי"ע, חתן הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יששכר בעריש מזידיטשוב זי"ע,
מגזע הגה"ק רבי יום טוב ליפמאן בעל התוספות יום טוב מקראקא זי"ע,

ער איז געווען א צדיק און א איש קדוש מאוד, ער איז געווען א גאון און א בקי נפלא און א מתמיד עצום בתורה, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה ולא פסיק פומיה מגירסא, ער איז געווען א געוואלדיגע צו געלאזענע מענטש, ער האט אסאך צייט פון זיין לעבן אוועק געגעבן צו עוסק זיין בצדקה וחסד, און געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

אין זיין יוגענט האט ער געלערנט תורה ביי זיין הייליגען טאטן הרה"ק רבי ברוך מבריזדוביץ זי"ע, דארט ביים טאטן האט ער קונה געווען אסאך תורה, שפעטער האט ער געלערנט ביי זיין רבו מובהק הגה"ק רבי מרדכי ליב ווינקלער בעל לבושי מרדכי אב"ד מאד זי"ע,

ער איז מוסמך געווארן להוראה דורך גאונים בדורו, ובמיוחד דורך זיין גרויסן רבין הגה"ק אב"ד מאד זי"ע,

וואס האט מוראדיג מפלא געווען אין די גדלות פון דעם גאון און צדיק רבי מאיר יוסף זי"ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה צירל ע"ה,
בת הרה"ק רבי אברהם מקרעסטיר זי"ע,
בן הרה"ק מופת הדור רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע,

די חתונה איז פאר געקומען ביים זיידן אין שטאט קערעסטיר, און ער איז געווען סמוך על שולחן פון זיין גרויסען זיידן רבי ישעי'לע פאר זעקס יאר נאך זיין חתונה ביז צום הסתלקות פונעם זיידן, דער זיידע האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגע אהבה צו דעם אייניקל,

לגבי דאס חביבות פונעם זיידן רבי ישעי'לע צום אייניקל רבי מאיר יוסף פארציילט מען, אז שבת קודש ר"ח אייר בשנת תרפ"ה דריי טאג פארן הסתלקות, האט נאך רבי ישעי'לע געפירט טיש, אבער ביי די פיש האט ער געהייסן זיין בנו יחידו הרה"ק רבי אברהם זי"ע, אז ער זאל טיילן די פיש, און די חסידים האבן פון דעם פארשטאנען אז ער האט מיט דעם מסמיך געווען דעם זוהן אלס ממלא מקום,

זונטאג ביינאכט איז ער שוין געווען גאר שוואך און ער האט געלאזט רופן זיין אייניקל הרה"ק רבי מאיר יוסף רובין זי"ע, די איידעם פון רבי אברהם און אים געהייסן זינגען דעם זמר יום זה מכובד, ווען ער האט געפרעגט דעם זיידן איז היינט שבת, האט רבי ישעי'לע געזאגט אז יא, וואס ווי באקאנט איז ביי די צדיקים דער טאג פון די פטירה ביי זיי געווען גערעכנט ווי שבת,

און דאן האט דער הייליגע זיידע רבי ישעי'לע זי"ע סומך געווען זיינע הייליגע הענט אויף דעם אייניקל, און מיט דעם האט ער דעם אייניקעל מסמיך געווען אלס ממלא מקום פונעם זון רבי אברהם 22 חדשים שפעטער,

וואס ווי באוויסט האט דער זון רבי אברהם ליידער נישט מעריך ימים געווען, אפילו זייענדיג א איידעם ביים שווער נאר 8 יאר פון די חתונה ביז צום שווער'ס הסתלקות, האט דער איידעם אסאך יונק געווען פון זיין גרויסע שווער רבי אברהם זי"ע,

ח"י אדר בשנת תרפ"ז מיט די פריציייטיגע פטירה פון דעם שווער רבי אברהם זי"ע, און ווי דער שווער האט געזאגט זיין רצון, אז דער איידעם זאל זיין ממלא מקומו,

האט דער איידעם רבי מאיר יוסף זי"ע איבער גענומען
דאס רבנות אין קערעסטיר,

ער האט ממשיך געווען דאס התנהגות קהילת הקדושה אין קערעסטיר מיט אלע הנהגות פון דעם זיידען און דער שווער, ער האט אויך ממשיך געווען מיט די הכנסת אורחים און צדקה, ער איז דארט געווען רב פאר 17 יאר כולן שוין לטובה, ביז מען האט ליידער אוועק געפירט די אידן פון קערעסטיר קיין אושוויץ ווי רוב רובם ובתוכם דער צדיק רבי מאיר יוסף זי"ע זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם הי"ד,

עס איז געווען א געוואלדיגע ידידות צווישן דעם רבין און די צדיקי דורו ובתוכם,
הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל צבי ראטטענבערג בעל אור מלא מקאסאן זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי אלימלך מטאהש זי"ע, וואס מען דערציילט, אז ווען דער צדיק רבי מאיר יוסף זי"ע האט חתונה געמאכט זיין ערשטע טאכטער, איז דער הייליגער טאהשער רבי געקומען צו די חתונה, און געטאנצן א מצוה טאנץ וואס האט גענומען באלד א האלבע שעה מיט א געוואלדיגע דביקות,

אפילו זייענדיג דער מנהיג הקהלה האט ער געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, ווי מען פארציילט אז אויב מען איז אנגעקומען צו דעם צדיק אינמיטן די נאכט מזכיר זיין א חולה, האט מען אים געטראפן שטיין ביים שטענדער און לערנען מיט א געוואלדיגע מתיקות,

זיין שוואגער הרה"ק רבי נחמן כהנא מספינקא בני ברק זי"ע, וואס איז געווען א איידעם ביי הרה"ק רבי ברוך מבריזדוביץ זי"ע פארציילט, אז ווען ער האט חתונה געהאט ו' אלול, איז דער שוואגער רבי מאיר יוסף זי"ע געקומען צו די חתונה, און ער איז שוין געבליבן ביים שווער רבי ברוך'ל פאר די ימים נוראים, האט רבי מאיר יוסף פון די חתונה ו' אלול ביז נאך שמחת תורה, גענדיגט די גאנצע חלק ב' פון יורה דעה מיטן חוות דעת, און דער שוואגער זעענדיג דאס האט אנגענומען דעם שוואגער אלס זיין רבי בהלכה,

אויך האט רבי מאיר יוסף געהאט א מנהג צו מקבל זיין שבת, ביים זמן כניסת השבת פון ארץ ישראל, און פון די זמן האט ער שוין נישט געטון קיין מלאכה, איינמאל איז געשען, אז מען האט ערב שבת פארשפעטיגט צו איינפאקען די טשולענט בעפאר די זמן כניסת השבת פון ארץ ישראל, אז עס זאל זיך האלטן ווארעם ביז שבת צופרי, האט דער צדיק נישט געגעסן קיין טשולענט יענעם שבת, און נישט געלאזט ח"ו עובר זיין אויף דעם מנהג פון נישט טון קיין מלאכה ביים זמן כניסת השבת פון ארץ ישראל,

ער האט דעם הכנסת אורחים פונעם זיידן ווייטער געפירט מיט א מסירת נפש, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א פועל ישועות בקרב הארץ, אסאך אידן זענען געקומען צו אים מיט הזכרת און אוועק מיט א ישועה, אויך האט מען ביי דעם צדיק געזען אפענע רוח הקודש,

ווי באוויסט האט דער צדיק נישט געקענט הערן א שלעכט ווארט אויף א איד, און פארשטייט זיך קיינמאל נישט ארויס געזאגט אפילו נאר א אבק לשון הרע אויף א איד, זיין אהבת ישראל איז געווען עד להפליא, ער האט ליב געהאט יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה און זיך ממש אוועק געגעבן פאר אנדערע אידן מיט וואס ער האט נאר געקענט,

ביי די מלחמה זענען ליידער געווען אידישע קינדער, וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די דייטשן ימ"ש און ליידער אפגעטון גרויסע צרות פאר אידישע קינדער מען האט זיי גערופן "יודענראט",

דער צדיק איז געווען אין די געטא אין שטאט אוהעל, איז איינער געקומען דערציילן פארן רבין, די רשעות וואס די אידן טוען אפ פאר אידישע קינדער, אבער די נפש הטהורה פונעם צדיק האט די ווערטער נישט געקענט מקבל זיין און ער האט געזאגט פאר דעם איד, "איך וויל די ווערטער נישט מקבל זיין אויף אידישע קינדער", און געזאגט,

עס שטייט אין שיר השירים "כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתֹתַיִךְ", איז אין צייט ווען די בית המקדש איז געשטאנען, איז געווען דער חוט השני, וואס ווען עס איז געווארן ווייס, האט מען געוויסט אז דער גרויסער באשעפער האט מוחל געווען די עבירות פאר אידישע קינדער,

אבער ליידער היינט האט מען נישט קיין בית המקדש, ווענן דעם שטייט כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתֹתַיִךְ, אז ווען א איד האלט זיך צוריק פון רעדן שלעכטס אויף א אנדערן איד, אפילו יענער איז נישט ערליך, ברענגט מען מיט דעם

אראפ השפעות, און דורך דעם איז דער גרויסער באשעפער מוחל די עבירות פון אידישע קינדער,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
הרה״צ רבי מנחם מענדל זי״ע, חתן הרה״ק רבי ישראל פריינד אב״ד הוניאד זי״ע,
הרה״צ רבי ישכר דוב רובין מקרעסטיר זי״ע, ממלא מקום אביו,
בתו הצדקת מרת חיה פרימט ע״ה, אשת הרה״צ רבי אשר ישעיה רובין מסאסרעגן זי״ע,
בתו הצדקת מרת פריידא גיטל ע״ה, אשת הרה״צ רבי מנחם ישראל רוטנבערג מקאסאן זי״ע,

ליידער כ״ה ניסן בשנת תש״ד זענען די רשעים די דייטשן ימ״ש אריין געקומען קיין אונגארין, און כ״ג ניסן אסרו חג פסח תש״ד האט מען געהייסן אלע אידן פון די שטאט ארויס קומען פון די שטובער, און גיין אונעם חצר פון דעם ביהמ״ד, כ״ה ניסן האט מען זיי אלע אוועק געפירט צו די געטא אין שטאט אוהעל, און ביום ט״ו סיון תש״ד איז דער צדיק וקדוש מיט א חלק פון זיין משפחה און די קהלה קדושה פון קערעסטיר אומגעקומען אויף קידוש השם הי״ד,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד׳ ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב״א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה״ח רבי יהושע ווינשטאק ז״ל פון קליינווארדיין פארציילט, אז איין יאר איז ער געווען ביים רבין אויף ראש השנה, די קומענדיגע טאג צום גדליה איז ער אריין צום רבין זיך געזעגענען בעפאר ער איז אהיים געפארן, דער צדיק האט אים געגעבן די האנט, און זאגט אים אז ער זאל זיך זעצן, און געהייסן ברענגען בראנפן און לעקעך און געהייסן ער זאל עסן,

עס איז געווען א פלא אין די אויגן פון דעם חסיד רבי יהושע, ווייל עס איז דאך געווען צום גדליה, און ער האט נישט געשפירט קיין חולשה אז ער זאל ברויכן אויס פאסטן, אבער דער צדיק האט אים נאכאמאל געזאגט אז ער זאל עסן עפעס, אבער דער חסיד האט זייער געבעטן אז ער וויל ווייטער פאסטן, האט דער צדיק געהייסן אז מען זאל אים מיט געבן א באטל בראנפן און עפעס צו עסן אויפן וועג, דער רבי יהושע האט זיך זייער געוואונדערט, אבער האט מיט גענומען מיט זיך די בראנפן און לעקעך,

אינמיטן וועג ווען מען איז אנגעקומען אין שטאט נירעדהאז, האט רבי יהושע געשפירט א שרעקליכע חולשה, און ער איז כמעט געפאלן חלשות, די אנדערע חברה וואס זענען געווען מיט אים האבן זיך גלייך דערמאנט פון די בראנפן וואס דער צדיק האט מיט געגעבן, און מען האט פאר רבי יהושע אריין געגאסן אביסל בראנפן אין מויל, אין ער האט זיך מיט דעם דערכאפט דאס הארץ, און עס איז אים גלייך בעסער געווארן, דאן האבן זיי שוין געזען דעם רוח הקודש פונעם צדיק,

אויך פארציילט מען גאר אסאך מעשיות פון אידן וואס האבן געברויכט ישועות, איז דער הייליגער זיידע רבי ישעי׳לע געקומען צו זיי אין חלום, און געהייסן גיין צו זיין אייניקל רבי מאיר יוסף, און זיי וועלן געהאלפן ווערן מיט א ישועה,

אויך פארציילט מען אויף אלטע חסידים פון רבי ישעי׳לע, וואס זענען זיך געגאנגען משתטח זיין אויפן ציון פון רבי ישעי׳לע, און רבי ישעי׳לע איז זיי געקומען אין חלום און געפרעגט, פארוואס זיי קומען צו אים ווען זיי קענען געהאלפן ווערן ביים אייניקל הרה״ק רבי מאיר יוסף זי״ע,

איינמאל איז א איד געקומען צום צדיק רבי מאיר יוסף זי״ע און געזאגט, אז די זיידע רבי ישעי׳לע איז געקומען אין חלום, און געזאגט אז איך זאל טראגן 100 פענגעס פאר דעם אייניקל און איך וועל האבן א ישועה, אבער דער איד האט געזאגט, אז ער האט נישט די סכום געלט בכלל, האט זיך דער צדיק אנגערופען בזה״ל, ״פארוואס גייט דער זיידע צו די ארימעלייט, זאל ער גיין צו עשירים״,

א איד א חסיד פונעם זיידן רבי ישעי׳לע האט געברויכט א גאר גרויסע ישועה, איז דער זיידע געקומען אין חלום און געזאגט אז ער זאל נעמען א פעטע קוה און דאס טראגן צום אייניקל, און ער וועט האבן א ישועה, דער איד האט גלייך מקיים געווען דעם בקשה פונעם צדיק,

און געטראגן דעם קוה פארן אייניקל, און פארשטייט זיך ער האט געהאט א ישועה,

פון דאן האט דער קוה געגעבן מילך בשפע, וואס דאס האט מען געניצט אינעם גאסט הויז פון רבי ישעי׳לע, מען האט דעם קוה גערופען ״רבי ישעי׳לעס קוה״, אבער לפלא, אפאר טאג בעפאר די רשעים די דייטשן זענען אריינגעקומען אין שטאט קערעסטיר, האט אויסגעבראכן א פייער אינעם חצר פונעם צדיק, און דער קוה איז דארט פארברענט געווארן, ויהי לפלא,

הרה״ח רבי ברוך בריל האט דערציילט, אז אין די צייטן פון די מלחמה, האט ער זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער, איז ער דאן דורך דעם שטאט קערעסטיר, איז ער אריין זיך מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש רבי יוסף מאיר רובין זי״ע, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט אים שוין אנגעוואונטשען אז ער זאל באפרייט ווערן פון מיליטער,

אויפן וועג זיך צו שטעלן צום מיליטער איז ער דורך דעם שטאט גרויסווארדיין, איז ער אויך אריין זיך מזכיר זיין ביי הרה״ק רבי חיים מאיר בעל אמרי חיים מויזניץ זי״ע, אבער אזוי ווי ער גיבט זיין קוויטל, זאגט אים דער הייליגער אמרי חיים זי״ע בזה״ל ״איינער ארבעט שוין אויף דיר״, זייענדיג מרגיש אז דער צדיק רבי מאיר יוסף מקרעסטיר זי״ע פאר ארבעט שוין מעשים לטובות דעם איד,

הרה״ח רבי יהושע העשיל דויטש שו״ב בטאקאי ז״ל האט פארציילט, אז זיין טאטע הרה״ח רבי חיים ז״ל איז געווען שו״ב אין שטאט מישקאלץ, האט ער געהאט א שוועסטער בערך 17 יאר אלט וואס האט פלוצלונג באקומען גאר הויעך פיבער און אריין געפאלן אין בעט מוראדיג קראנק,

מען האט פראבירט יעדן דאקטאר וואס מען האט נאר געקענט, אבער אלע האבן געזאגט אז זי האט א געפערליכע מחלה וואס מען קען נישט העלפן, עד כדי כך אז זיי האבן אלע אויף געגעבן און געזאגט אז עס איז נישט דא גארנישט וואס מען קען העלפן,

האט רבי יהושע העשיל אפגעמאכט, אז אפילו עס איז שוין גאר שפעט ביינאכט, וועט ער זיך ארויסלאזן קיין קערעסטיר צום צדיק רבי מאיר יוסף זי״ע, און דערוויל זענען די קרובים פונעם מיידל געקומען זיצן נעבן איר, און מען האט געמיינט אז זי איז שוין אין א מצב פון גסיסה,

רבי יהושע העשיל איז אנגעקומען קיין קערעסטיר בערך 12 א זייגער, ער גייט צו צום שטוב פונעם צדיק רבי מאיר יוסף, און ער האט געזען אז די ליכט ברענט, ער קלאפט אריין אינעם שטוב און ער זעהט ווי דער צדיק שטייט ביים שטענדער און איז עוסק בתורה, האט ער געזאגט פארן רבין די מצב ביים שוועסטער אז די דאקטוירים האבן שוין אלע אויף געגעבן און זי איז אין א שרעקליכע סכנה,

האט דער צדיק געזאגט, דער גבאי איז דאך שוין נישט דא, דערפאר שרייב די אליין א קוויטל און גיב מיר דאס אהער, רבי יהושע העשיל האט געשריבען א קוויטל און דאס אהין געגעבן פארן רבין, דער צדיק האט געליינט דעם קוויטל און דאס נאכדעם צעריסן אויף שטיקלעך, און דערוויל האט ער געזאגט עפעס וואס רבי יהושע העשיל האט נישט געקענט הערן וואס ער זאגט,

דערנאך האט ער א זאג געגעבן פאר רבי יהושע העשיל, די דאקטורים האבן א טעות און עס איז בכלל נישט דאס וואס זיי מיינען, זי וועט בקרוב האבן א גאנצע רפואה, ער האט דאן געוואלט גלייך אהיים פארן קיין טאקאי, אבער דער צדיק האט אים געהייסן בלייבן אויף ביינאכט, און צופרי זאל ער צוריק פארן קיין מישקאלץ צו זען וואס די שוועסטער מאכט,

די קומענדיגע טאג ווען ער איז אנגעקומען קיין מישקאלץ, האט מען אים פארציילט אז די גאנצע נאכט איז מען געווען פארנומען צו טוישן די קליידער פון די שוועסטער, ווייל עס האט איר אנגעכאפט א שרעקליכע שוויס, וואס דאס איז א גוטע זאך פאר א חולה, ווייל דאס מיינט אז עס ווערט בעסער,

האט רבי יהושע העשיל געפרעגט ווען די שוויס האט זיך אנגעהויבן, האט מען געזאגט בערך 12 ביינאכט, גענוי די צייט ווען ער איז געווען ביים צדיק, און צוביסלעך איז די מצב געווארן בעסער און בעסער, ביז זי האט געבעטן עפעס צו טרינקען, און אביסל שפעטער איז זי אינגאנצען געזונט געווארן.

בערך בשנת תרצ״ט איז געקומען א פרוי פון שטאט דעברעצין צום צדיק רבי מאיר יוסף מקרעסטיר זי״ע, און זי האט זיך מזכיר געווען ביים צדיק, אז ליידער האבן די דאקטוירים געטראפן און די לינגען א געוויקס און זי האט גאר שטארקע יסורים, און די דאקטאר הייסט מען זאל מאכן אן א אפעראציע, אבער די אפעראציע איז גאר

מסוכן און עס איז נישט זיכער אויב זי וועט דאס דורך מאכן, איז זי געקומען פרעגן דעם רבין אויב זי זאל מאכן דעם אפעראציע, און נעמען א ברכה פונעם צדיק.

האט דער צדיק געהייסן פאר די פרוי, אז זי זאל גיין צום גרויסן דאקטאר אין דעברעצין, און דער צדיק האט געבעטן פון די פרוי, אז ווען זי גייט צום דאקטאר, זאל זי אים שיקן א בריוו און שרייבן וואס דער דאקטאר האט געזאגט, דער דאקטאר האט טאקע געזאגט פאר די פרוי, אז די אפעראציע איז גאר שטארק מסוכן, און זיי ברויכן אז זי זאל אונטער שרייבן, אז זיי זענען נישט אחראי אויב זי מאכט דאס נישט דורך, און די פרוי האט דאס אלעס געשיקט אין א בריוו צום צדיק,

האט דער צדיק איר צוריק געשריבן א תשובה, און ער האט געהייסן מען זאל מאכן דעם אפעראציע און דער צדיק האט געגעבן א ברכה אז עס וועט אי״ה מיטן באשעפערס הילף דורך גיין בשלום, די פרוי מיט איר גרויסע אמונה אינעם צדיק, האט גלייך געלאזט וויסן פארן דאקטאר, אז זי איז גרייט צו מאכן דעם אפעראציע ווי שנעלער,

בשעת די פרוי איז אריין צו די אפעראציע, האט זי גענומען דעם בריוו פונעם צדיק אין די האנט, און דאס גאר שטארק אנגעהאלטן בשעת דעם גאנצן אפעראציע, און אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט, איז די אפעראציע דורך גאר שנעל און בשלום, און די פרוי איז דורך דעם אויס געהיילט געווארן, די דאקטורים האבן זיך גאר שטארק געוואונדערט וואס די פרוי כאפט אן די גאנצע צייט אזוי שטארק אין די הענט,

אויך האבן זיי געזאגט אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט דורך געמאכט דעם אפעראציע אזוי שנעל און גרונג, דערפאר מיז זיין עפעס העכער׳ס איז דא געווען פארמישט, דאן האט די פרוי זיי דערציילט די ברכה וואס זי האט באקומען פון דעם צדיק, און עס איז ארויס געקומען א גרויסע קידוש השם, ווייל אפילו די נישט אידישע דאקטורים האבן געזען דעם גרויסן כח פון א צדיק, וואס מיט זיין ברכה האט ער באוויזן זאכן חוץ לדרך הטבע,

הרה״ח רבי משה יוסף פריעדלענדער ע״ה וואס איז געווען פון די גרויסע חסידים פון די צדיקים לבית קערעסטיר האט דערציילט, אז איין מוצאי שבת קודש איז ער אנגעקומען צו מלווה מלכה ביים צדיק רבי מאיר יוסף מקרעסטיר זי״ע, האט ער דארט געטראפן הרה״ח רבי אברהם צבי מקאראד ע״ה, און ער האט געזען ווי ר׳ אברהם צבי האט דארט געשטעלט משקה און מזונות, און דער צדיק רבי מאיר יוסף האט געטיילט תיקן פארן עולם, און ער האט אויך מכבד געווען ר׳ משה יוסף מיט תיקון,

עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר ר׳ משה יוסף, ווי אזוי דער ר׳ אברהם צבי איז אזוי שנעל אנגעקומען קיין קערעסטיר פון קאראד וואס איז געווען גאנץ ווייט, אויך האט ער זיך געוואונדערט אויף דעם פשט פון דעם לחיים וואס רבי אברהם צבי האט געשטעלט יעצט מוצאי שבת, האט ער געפרעגט פון ר׳ אברהם צבי פשט,

האט ער דערציילט, אז זיין שווער איז ל״ע שטארק קראנק געווארן און די דאקטורים האבן זיך שוין ליידער מייאש געווען פון אים העלפן, דעם גאנצן שבת קודש איז דער איידעם געזעצן נעבן דעם בעט פונעם שווער, און אזוי זיצענדיג פרייטאג צונאכטס ביים בעם פונעם שווער, האט ער איין געדרימעלט,

פלוצלונג זעה איך אין חלום דעם רבין רבי ישעי׳לע זי״ע, און ער פרעגט מיך וואס איז די מצב ביים שווער, האב איך דערציילט פארן רבין, אז ליידער איז די מצב זייער מסוכן, און די דאקטוירים האבן שוין אויף געגעבן אויף אים, זאגט מיר רבי ישעי׳לע זי״ע, די האסט פארגעסן אז איך האב איבער געלאזט מיין אייניקל רבי מאיר יוסף אלס ממלא מקום, הייב דיך אויף און פאר אריבער ווי פריער, און געב דארט תיקון און מאך דארט מלווה מלכה, און בזכות דעם וועסטו אי״ה זעהן א ישועה בקרוב, און דער שווער וועט האבן א רפואה שלימה בקרוב,

דערפאר מוצאי שבת קדוש אזוי ווי עס האט זיך באוויזן דריי שטערנ׳ס, אפילו רוב וועלט האלט נאך דאן נישט דעם זמן, אבער וועגן דעם מצב פונעם שווער וואס איז אין א סכנה, בין איך גלייך געלאפן צום באן, און לפלא האב איך נאך געכאפט דעם באן און דער פירערשאפט דארט ביים באן האט מיר אפילו געגעבן א קארטעל אויף בארג, ווייל איך האב דאך נישט געהאט קיין געלט ביי מיר, ווייל עס איז דאך נאך געווען שבת ביי מיר, און אזוי בין איך אנגעקומען קיין קערעסטיר גאר פרי,

פארשטייט זיך אז די רבי ר׳ מאיר יוסף האט זיך גאר שטארק געפרייט מיט די תיקון און מלווה מלכה, און ער

האט אנגעוואונטשען א ברכה פאר מיין שווער פאר א רפואה שלימה, און טאקע נישט לאנג נאכן אנקומען קיין קערעסטיר, איז געקומען די בשורה טובה, אז די שווער איז ב"ה געזונט געווארן, בזכות ברכת הצדיקים זי"ע.

איינמאל ווען דער צדיק רבי מאיר יוסף מקרעסטיר זי"ע האט געהאלטן בעפארן חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער און ער האט געברויכט אסאך געלט פאר צרכי החתונה, איז ער דאן געווען אין שטאט בודאפעסט אויף א שבת קודש, איז איינע פון די חסידי קרעסטיר געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, אז ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק און געבעטן אז דער צדיק זאל אים געבן א ברכה.

האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, אז ער האלט יעצט פאר א חתונה און ער ברויך אסאך געלט, איז אויב דער איד איז מסכים צו געבן א שיינע סכום, וועט ער אים געבן א ברכה און דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "יעצט קען מען פויעלען ישועות".

דער איד האט ביי זיך נישט געהאט קיין געלט, איז ער גלייך ארויס און געגאנגען צוזאמען שטעלן א סכום געלט, אבער בינו לבינו איז אריין געקומען א אנדערע איד צום צדיק, וואס האט אויך געברויכט א ברכה פאר זש"ק, און דער איד האט געגעבן א קוויטעל און א גאר שיינע סכום געלט פארן צדיק, און דער צדיק האט אים געגעבן א ברכה אז ער זאל בקרוב געהאלפן ווערן מיט א קינד.

צום יאר איז יענער איד טאקע געהאלפן געווארן מיט א קינד, אבער דער אנדערע האט ליידער פארפאסט די געלעגענהייט און ליידער געבליבן א חשוכי בנים, און מען דערציילט אז דער צדיק האט זיך אמאל אויס געדריקט בזה"ל, "קינדער פוילען איז נישט אזוי שווער, ברענגען פרנסה איז אסאך שווערער".

**יארצייט**
**דאנערשטאג ט"ז סיון**

**הרה"ק רבי שלום אליעזר ב"ר חיים מצאנז זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם), ראש שושלת ראצפערט,**

ער איז געבוירן אין שטאט צאנז, חול המועד פסח בשנת תרכ"ב,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי חיים הלברשטאם בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
בן הרה"ק רבי אריה לייבוש אב"ד טארניגראד זי"ע,
בן הרה"ק רבי שמחה מבראד זי"ע,
נין ונכד הרה"ק רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רעכיל דבורה ע"ה,
בת הרה"ק רבי יחיאל צבי הירש אונגאר מטארנא זי"ע,
בן הרה"ק רבי מרדכי דוד מדאמבראווא זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם באמת ויראת שמים מרובים, ער איז געווען א גאון און בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, טויזענטער אידן זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות דקדושה און א אש קודש, מיט דעם אלעם איז דער צדיק געווען א עניו מאוד און זיך געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות, און פלעגט כסדר זאגן אז די אלע אידן וואס זענען צו אים געקומען, איז נאר וועגן דאס גרויסקייט פון זיין הייליגען טאטן זי"ע,

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד אהבת נפש און פון זיך אוועק געגעבן אלעס, ער האט ממשיך געווען דעם מידת הצדקה פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, אפילו זייענדיג אין אוישוויץ אונטער די הענט פון די דייטשן ימ"ש, האט דער צדיק נישט פארגעסן פון גרויסן באשעפער און נאך מחזק געווען די אידן מיט אמונה בשם, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת נפלא און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

בעפאר דער הייליג קינד איז געבוירן ביי זיין טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, איז מען געקומען מזכיר זיין די רעבעצין ביים הייליגען מאן דער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט ער געהייסן מען זאל גיין מזכיר זיין די רעבעצין ביים איידעם הרה"ק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי"ע, האט דער איידעם געהייסן מען זאל זאגן פארן שווער דער הייליגער דברי חיים, אז אויב ער וועט אים מבטיח זיין, אז דער קינד וואס וועט געבוירן ווערן, וועט החתונה האבן מיט זיין טאכטער וואס איז דאן געווען איין יאר אלט, וועט דער קינד געבוירן ווערן בשעה טובה ומוצלחת,

דער הייליגער שווער דער צאנזער רב האט אים דאס מבטיח געווען, און דער הייליגער רבי מאטעלע האט דאן אריין געלייגט ידיו הקדושים אין זיין מויל, און ס'איז אראפ גערינען צוויי שנירלעך טרערן פון זיינע אויגן, און תיכף איז געקומען דער בשורה טובה אז עס איז למזל טוב געבוירן געווארן ביים צאנזער רב א בן זכר,

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן "שלום" נאך הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, און נאך הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע, און דער נאמען "אליעזר" נאך הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע,

ווי באקאנט איז דער זוהן געבוירען געווארן ווען זיין טאטע איז שוין געווען 65 יאר אלט, און ווען דער קינד איז געווען 14 יאר אלט איז זיין טאטע דער הייליגער צאנזער רב זי"ע נסתלק געווארן,

הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זי"ע פארציילט, אז דער צדיק רבי שלום אליעזר ווען ער פלעגט אריינקומען אין זיין ביהמ"ד און געזען דעם גרויסן עולם וואס האט אים אפ געווארט, האט ער מרוב ענוותנותו נישט געלאזט אז מען זאל מאכן פלאץ צווישן עולם אז ער זאל קענען דורך גיין, נאר דער צדיק איז מיט זיין גרויס עניוות אריבער געקראכן די בענק ביז צו זיין פלאץ,

אידן וואס האבן געהאט די זכי' צו זעהן דעם צדיק האבן פארציילט, אז ווען ער איז נאר אריין געקומען אין א שטוב, האט פאר יעדן געכאפט א יראה און פחד פון זיין גרויס קדושה, און אפילו די גוים פון שטאט האבן געוויסט פון זיין כח, די גוים פלעגן זיך אפשטעלן קוקן אויף דעם צדיק ווען ער איז דורך אויפן גאס, אויך פלעגן גוים קומען בעטן אז די רבי זאל אריבער גיין אין זייער פעלד, ווייל זיי האבן געוויסט אז ווי דער צדיק לייגט אראפ זיינע הייליגע פיס קומט אריין א ברכה,

הרה"ק רבי אברהם שלום בעל דברי שלום מסטראפקוב זי"ע איז איינמאל געקומען קיין ראצפערט צו באזיכען דעם צדיק, ווען דער צדיק האט געהערט אז דער דברי שלום קומט, איז ער אים ארויס מקבל פנים זיין און ער האט אים פארבעטן אז ער זאל אריינקומען צו אים אין

שטוב, האט דער הייליגער דברי שלום געזאגט, "יאך האב דיר נאר געוואלט זעהן" און דער צדיק איז ווייטער געגאנגען, דאס איז געווען די הערצה פון צדיקים בדורו וואס האבן געהאלטן פאר א זכי' נאר אפילו צו זעהן דעם הייליגען צורה פונעם צדיק,

רוב פון זיין תורה און עבודה האט ער געלערנט פון זיין הייליגען טאטן דער דברי חיים מצאנז זי"ע, ער האט פארציילט אז אלס קינד איז ער מיטן ברידער הרה"ק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע יעדן טאג אריין צום טאטן זאגן די ברכות, און די טאטע האט נאך געזאגט אמן, איינמאל האט ער בטעות געטרעטן אויף די פיס פונעם טאטן, האט אים דער טאטע געזאגט "שלום אליעזר לעבן, ווען משיח וועט קומען, וועסטו דארפן ברענגען א חטאת שמינה",

ער איז א חתן געווארן נאך בחייו פון זיין הייליגען טאטן מיט הרבנית הצדקת מרת מרים שרה ע"ה,
בת הרה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי בעל חיבור לטהרה מהורנסטייפל זי"ע,
חתן הרה"ק רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,

כ"ה ניסן בשנת תרל"ו איז דער טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע נסתלק געווארן, און די חתונה איז פאר געקומען ד' אלול בשנת תרל"ו, שוין נאך די פטירה פונעם הייליגען טאטן אין שטאט הורנוסטייפל, נאך די חתונה האט ער געגעסן קעסט ביי זיין הייליגען שווער ביז שנת תרמ"ז, און דערנאך האט ער זיך באזעצט אין שטאט טארנא,

ו' טבת בשנת תרנ"ט, נאך די פטירה פון זיין הייליגען ברידער הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, איז ער אריבער קיין אונגארין אין זיך באזעצט אין שטאט ראצפערט, דארט איז ער באוויסט געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און זעהן זיין הייליגע עבודה, און פאר ברכות און ישועות, דארט אין ראצפערט איז ער געבליבן, ביז מען האט זיי ליידער אוועק געפירט קיין אוישוויץ ווי ער איז ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם הי"ד,

דער צדיק איז געווען בידידות מיט צדיקים בדורו ובתוכם,

הרה"ק רבי צבי הירש בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי"ע,
הרה"ק רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם שלום הלברשטאם בעל דברי שלום מסטראפקוב זי"ע,

הרה"ק מקאפיש זי"ע האט פארציילט, אז איינמאל איז הרה"ק בעל דרכי תשובה זי"ע געפארן קיין קאלוב ז' אדר אויפן יארצייט פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע, איז ער דורך געפארן דעם שטאט ראצפערט, האט ער זיך דארט אפ געשטעלט דאווענען שחרית,

האט רבי שלום אליעזר זי"ע געהייסן פארן בעל תפילה, אז ער זאל ווארטן ביי שמונה עשרה אויפן הייליגען דרכי תשובה, און אויך זאל ער נישט זאגן קיין תחנון, ווען דער דרכי תשובה האט געפרעגט פארוואס מען זאגט נישט קיין תחנון, האט דער הייליגער ראצפערטער רב געזאגט, "ביי מיר איז היינט יום טוב, טוט וואס איר ווילט",

איינמאל איז דער צדיק מראצפערט געווען אויף א שבת אין שטאט מישקאלץ, און יענעם פרייטאג צופרי איז פאר געקומען א ברית מילה ביי איינע פון די חסידי קרעסטיר, און הרה"ק רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע איז געקומען צום ברית וויל מען האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות, און ווי דער מנהג איז געווען ביי רבי ישעי'לע אז ווען ער איז געווען סנדק איז ער געבליבן אויך ביים סעודות מצווה, ספעציעל ווען די ברית איז געווען ערב שבת,

דער גאנצער עולם פון שטאט איז דאן ארויסגעפארן מקבל פנים זיין רבי ישעי'לע זי"ע, אבער גלייך נאכן ברית איז דער צדיק רבי ישעי'לע אהיים געפארן און נישט געבליבן דארט אויף די סעודה, מן הסתם וויל ער האט מורא געהאט אז דאס וועט שטערן דעם שבת ביי הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע,

הרה"ק רבי משה אריה פריינד גאב"ד ירושלים זי"ע האט דערציילט, אז ער איז געווען ביים צדיק אין ראצפערט שמחת תורה בשנת תש"ד, און דער צדיק האט אפ גערעכטן די הקפות מיט א געוואלדיגע פשטות, איז דארט געווען א רב וואס האט געבעטן פונעם צדיק, אז ער וויל מאכן פייערדיגע הקפות צו דערפרייען דעם עולם, וואס דאן איז שוין געווען שווערע צייטן ביי אידישע קינדער וועגן די מלחמה,

האט דער צדיק געגעבן רשות פאר דעם רב אז ער זאל טאנצן הקפות, נאך א שטיק צייט האט רבי שלום אליעזר געזאגט פאר דעם רב, א חכמה צו טאנצן, דער טאטע זי"ע האט דאך געמאכט א יחוד ביי יעדן טאנ'ץ, דערנאך האט דער צדיק געזאגט פאר דעם רב די

ווערטער, מענטשן האבן מיר פארציילט, אז איינמאל האט מיין טאטע זי״ע גערעדט ביי זיין שלחן הטהור פון די גרויסקייט פון זיינע צוויי קליינע זוהן, דאס מיינט איך און מיין ברודער רבי ישעי׳ טשחובער זי״ע, איך האב זיכער געהאט א גרויסע נשמה, נאר איך האב פוגם געווען רח״ל, דאס איז געווען דאס גרוים ענווה פון דעם צדיק,

הרה״ח רבי וואלף פריינד ע״ה האט זיך געברויכט שטעלן צו די ארבעט אין מונקא–טאבור בשנת תש״ד, איז ער זיך געגאנגען מזכיר זיין ביים צדיק, און געפרעגט אויב ער זאל זיך מאכן משוגע כדי מען זאל אים באפרייען פון מיליטער, האט דער צדיק געזאגט אז דאס איז זייער א גוטע עצה,

האט רבי וואלף געזאגט פארן צדיק אז ער האט מורא אז אינמיטען וואס ער וועט זיך משוגע מאכן, וועט ער זיך צולאכען, און זיי וועלן זעהן אז ער איז יא בסדר, האט דער צדיק געזאגט מיט א צובראכענקייט, ״אויב די וועסט טראכטען ווי מען האט געשאסען מיין ברידער רבי ישעי׳לע מטשחוב זי״ע הי״ד אויף די גאס ווי א הונט, וועט דיר נישט קומען צו לאכן״,

אויך האט דער צדיק זייער פארפירט אז מען זאל דאווענען פאר דער זמן תפלה, און ער האט זיך איינמאל אויסגעדריקט בזה״ל, ״עס איז מיר ברור אז דורך דעם וואס מען דאווענט נאכן זמן תפילה איז מען מעכב ביאת המשיח צדקינו,

ער האט געהאט די הייליגע קינדער,

הרה״ק רבי חיים הלברשטאם דיין בסאטמאר זי״ע, חתן הרה״ק רבי אברהם שלום פנחס רוטנברג מצכנוסטוב זי״ע, ובזיווג שני חתן הרה״ק רבי ברוך רובין מבריזדוביץ זי״ע,
הרה״ק רבי משולם זושא יצחק הלברשטאם זי״ע, הי״ד, חתן הרה״ק רבי נפתלי טייטלבוים נירבאטור זי״ע, ובזיווג שני חתן הרה״ק רבי יהודה ארליך זי״ע,
בתו, הצדקת מרת חנה ע״ה, אשת הרה״ק רבי מנחם מענדל ראזענפעלד מביסטריץ זי״ע,
בתו, הצדקת מרת ברכה סימא ע״ה, אשת הרה״ק רבי חיים צבי טייטלבוים בעל עצי חיים מסיגוט זי״ע,
בתו, הצדקת מרת חי׳ פראדל ע״ה, אשת הרה״ק רבי בן ציון הלברשטאם בעל הקדושת ציון מבאבוב זי״ע, הי״ד,
בתו, הצדקת מרת אדל ע״ה, אשת הרה״ק רבי חיים מושקוביץ מגלינא זי״ע, ובזיווג שני אשת הרה״ק רבי ישראל צבי רוטנברג מקאסאן זי״ע, הי״ד,

ליידער איז דער צדיק אוועק געפירט געווארן אין געטא נירעדהאז, דערנאך איז ער אריבער אין געטא בירקנאו אוישוויץ, דארט איז ער ליידער אומגעקומען דורך די דייטשן ימ״ש, ביום ט״ז סיון בשנת תש״ד,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד׳ ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב״א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה״ק רבי אשר מרגליות מוויען זי״ע האט פארציילט, אז ער האט דאס געהערט פון א איד וואס בדידיה הוה עובדא,

דער איד איז געווען איינמאל בעפאר די מלחמה אין קאלוב ז׳ אדר ביים יארצייט פון רבי אייזיק׳ל קאלובער זי״ע, איז דארט אין אוהל פון רבי אייזיק׳ל געווען א שרעקליכע שטיפעניש, איז אויך דארט געווען דער צדיק רבי שלום אליעזר׳ל מראצפערט זי״ע, ווען ער האט געזען ווי איך וויל מיך אריין שטיפן אונעם אוהל, האט ער מיר געזאגט, בחור מען ברויך זיך נישט צו שטיפען צום ציון, נאר אויב איז מען אינעם שטאט פונעם ציון פונעם צדיק ביום היארצייט איז אויך גענוג,

יארן שפעטער ביים צווייטע וועלט מלחמה, איז דער בחור געווען מיט א גאנצע גרופע אידן, און כ״א אדר איז דער גאנצער גרופע מיט מסירת נפש געגאנגען צום ציון פון הרה״ק רבי אלימלך מליזענסק זי״ע, אבער ער דער בחור האט זיך דערמאנט אין די ווערטער פונעם צדיק רבי שלום אליעזר זי״ע, אז עס איז גענוג צו זיין אינעם שטאט ווי די ציון פון דעם צדיק איז, איז ער נישט מיט געגאנגען צום ציון, ליידער זענען אלע פון די גרופע פארכאפט געווארן דורך די דייטשן און ליידער אומגעקומען, אבער ער דער בחור איז געראטעוועט געווארן דורך די ווערטער פון דעם צדיק יארן בעפאר,

הרה״ח רבי יצחק הערש קליין ע״ה איז געווען א גרויסע חסיד פון רבי שלום אליעזר זי״ע, ער האט געהאט שיין פרנסה און פלעגט אסאך ארויס העלפן דעם שטוב פונעם צדיק און געהאט א גאר נאנטע התקרבות צום צדיק וקדוש,

ווען די צרות האבן זיך אנגעהויבן דארט אין אונגארין, איז רבי יצחק הערש ע"ה אריין צום צדיק רבי שלום אליעזר און געבעטן א ברכה אז ער מיט די משפחה זאלן געראטעוועט ווערן, אבער דער צדיק האט אים נישט געוואלט מבטיח זיין.

איינמאל איז ער געווען אין שטוב פון דעם צדיק, האט דער צדיק רבי שלום אליעזר זי"ע געזאגט פאר רבי יצחק הערש, די וועסט בלייבען לעבן, און כך הוה פון די גאנצע משפחה איז ער דער איינציגסטער וואס האט דורך געלעבט די מלחמה.

ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע זיך געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות און ענווה, ער האט כסדר געזאגט, אז זיין גאנצע כח פון פועל'ן ישועות איז באמת דער כוח פון זיין הייליגען טאטן דער צאנזער רב זי"ע, אויך זיין גרויסע כח התורה האט ער כמעט נישט ארויס געוויזן, מען האט כמעט נישט געזען דעם צדיק לערנען, ווייל ער האט דאס זייער באהאלטן.

פלעגט מען דערציילן אז דער צדיק פלעגט כסדר אפרעכטן סעודות מצוות און ער האט דאס אייביג אנגעהאנגען אויף א יארצייט פון א צדיק, אבער דערוויל האט מען זיך שפעטער געכאפט אז דער צדיק האט באמת געמאכט דאן א סיום מסכת אדער גאר א סיום הש"ס, איינמאל ביי איינע פון די סעודות, האט די רעבעצין הצדקת מרת שרה מרים ע"ה מגלה געווען, אז דער צדיק האט יעצט געמאכט דעם אכטע מאל א סיום הש"ס, אבער דער צדיק האט פון דעם נישט געוואלט מאכן קיין וועזן.

הרה"ח רבי חיים אפרים פרענקל ז"ל פון שטאט סאניק איז ווי פיל טויזנטער אנדערע אידן, אנטלאפן ביי די ערשטע וועלט מלחמה פון גאליציע קיין אונגארין, און האט זיך באזעצט אין דעברעצין, איז דארט געווען א גוי וואס האט געוואוינט נעבן אים, וואס האט נישט געקענט פארטראגן די נייע אידישע משפחה געבענטשט מיט פילע קינדער, איז דער גוי געגאנגען און גע'מסר'ט, אז דער איד פרענקל האט געזאגט א קללה אויף הארטי דער פרעזידענט פון אונגארן, וואס פאר דעם האט מען געקענט באקומען א גרויסע שטראף, און מען האט באשטימט א געריכט אויף ערב יום הקדוש.

איז עמיצער פון די משפחה אריבער געפארן קיין ראצפערט צום צדיק רבי שלום אליעזר זי"ע, און מזכיר געווען דעם רבי חיים אפרים אז ער זאל ניצל ווערן פונעם משפט, האט דער צדיק געפרעגט אויף ווען האט מען באשטימט דעם משפט, האט מען אים געזאגט אויף ערב יום הקדוש, האט דער צדיק געזאגט די ווערטער, "ערב יום הקדוש האט אפילו א גוי מורא".

צום באשטימטען טאג ערב יום הקדוש, זענען ערשינען אין געריכט זאל די גוי מיט זיין פרוי און די גוי'שע דינסט, האט דער שופט געפרעגט דעם גוי אויב ער האט געהערט דעם איד שעלטן, האט דער גוי געזאגט אז נישט ער האט דאס געהערט, נאר זיין פרוי, האט דער שופט געפרעגט דעם פרוי אויב זי האט דאס יא געהערט, האט די פרוי געזאגט אז די דינסט האט דאס געהערט,

האט דער שופט געפרעגט דעם דינסט אויב זי האט דאס יא געהערט, האט די דינסט מודה געווען אז די פרוי פון איר בעל הבית האט איר געזאגט, אז זי זאל דערציילן אז זי האט דאס געהערט, אבער באמת האט זי דאס קיינמאל נישט געהערט, פארשטייט זיך אז מען האט גלייך געלאזט דעם איד פריי און באשטראפט דעם גוי פארן זאגן ליגענט, דאן האט רבי חיים אפרים פארשטאנען די ווערטער פונעם הייליגען צדיק רבי שלום אליעזר זי"ע, "אז ערב יום הקדוש האט אויך א גוי מורא".

דער משמש בקודש ביי הרה"ק רבי שלום אליעזר זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל בשעת די מלחמה האט דער צדיק גדאווענט מיט א מנין שחרית, אינמיטן איז אנגעקומען א אונגערישע זשאנדאר, און ווען ער האט געזען ווי אידן דאווענען, האט ער באפוילען אז יעדער זאל אהין געבן זייער תפילין, דער זוהן הרה"ק רבי זושא זי"ע איז צו געגאנגען צום צדיק און געזאגט, אז די זשאנדאר האט געבעטן יעדענס תפילין, האט דער צדיק געזאגט, די תפילין האב איך באקומען פון מיין הייליגען טאטן, און איך וועל דאס נישט אוועק געבן פאר קיינעם,

פלוצלונג איז אנגעקומען איינער וואס איז געווען העכער ווי דעם סאלדאט וואס מען האט גערופען אלס "מאיאר", האט ער געפרעגט וואס גייט דא פאר, האט מען אים פארציילט וואס די סאלדאט האט געהייסן טון, איז ער צו געגאנגען צו די סאלדאט און אוועק גענומען אלע זיינע אויסצייכענונגען, און אים פארשיקט און געהייסן צוריק געבן פאר יעדן די תפילין, דערנאך איז דער מענטש נעלם געווארן, און מען האט אים מער קיינמאל נישט געזען דארט אין שטאט, ויהי לפלא,

א איד איז געקומען ערב ראש השנה צום רבין ר' שלום אליעזר זי"ע קיין ראצפערט און זיך מזכיר געווען, היות ער האט א קרעטשמע וואס ער האט פון דעם שיין פרנסה, אבער א גוי האט אויף געמאכט א קרעטשמע

ממש קעגן איבער אים, און פארשטייט זיך אז די גוים גייען ענדערשט צום גוי ווי איידער צום איד, און ער פארלירט זיין פרנסה דורך דעם,

האט דער צדיק געפרעגט דעם איד, וואס איז די נאמען פונעם גוי, און געהייסן מען זאל דאס ארייננשרייבן אונעם קוויטל, ווען דער איד האט געגעבן דעם קוויטל פארן צדיק רבי שלום אליעזר האט דער צדיק געזאגט, "שנדרור, איז א שיכור, און ער וועט האבן א מפלה",

ווען דער איד איז געקומען נאך ראש השנה זיך געזעגענען פונעם צדיק, און זיך ווידער באקלאגט אויף דעם גוי, האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, איך האב דיר שוין געזאגט אז דער גוי איז א שיכור און ער וועט האבן א מפלה, אויף יום הקדוש ווען דער איד איז צוריק געקומען קיין ראצפערט, האט ער פארציילט די מעשה,

ווען דער גוי האט זיך דערוויסט אז דער איד איז געגאנגען צו זיין ראבינער זיך צו באקלאגן אויף אים אז ער האט אים צו גענומען די פרנסה, האט דער גוי געלאזט וויסן פאר די גוים פונעם דארף, אז ביינאכט וועט ער מאכן א פרייליכן אוונט פארן גאנצן דארף, און ווער עס וויל קען קומען טרינקען און זויפן אומזיסט,

ווי פארשטענליך זענען אלע גוים פונעם שטאט געקומען טרינקען אומזיסט, און מען האט דארט פארברענגט די גאנצע נאכט און געטרינקען און געזויפט וויפיל עס איז געגאנגען, פארטאגס איז דער גוי אראפ אין זיין קעלער ווי די משקה איז דארט געלעגן, און עס איז אים פינסטער געווארן פאר די אויגן, אלע פעסער זענען געווען אויסגעליידיגט פון די טייערע משקה, און ער האט געכאפט זיין טפשות וואס ער האט געטון, און פאר גרויס עגמת נפש האט דער גוי גענומען זיין רעוואלווער און זיך דערשאסן צום טויט, אזוי איז מקויים געווארן די רייד פונעם צדיק אז דער גוי וועט האבן א מפלה.

עס איז געווען א איד וואס האט זיך געברויכט שטעלן צום מיליטער, ער האט געהאט א שוואגער רבי טובי' וואס איז געווען א חסיד פונעם צדיק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, האט דער רבי טובי' אונטערגעשמירט דעם אפיציר וואס איז געווען פאראנטווארטליך פאר די שטעלערס, כדי ער זאל באפרייען זיין שוואגער פון מיליטער,

די זאך איז ארויס געקומען אז דער אפיציר האט גענומען שוחד, און דער אפיציר האט פארציילט אז רבי טובי' האט דאס געגעבן, און וויבאלד רבי טובי' האט געהערט אז מ'ווייסט אז ער האט געגעבן שוחד, איז ער אנטלאפן פון שטעטל ביז עס וועט זיך אפשטעלן און בארואיגן דער מצב, און מען וועט פארגעסן דערוועגן,

רבי טובי' פלעגט פון צייט צו צייט פארן קיין פעסט פאר ביזנעס כדי צו קויפן סחורה, פלעגט ער אפשטאטען א באזיך ביים צדיק רבי שלום אליעזר, די מאל ווען ער איז אריין געקומען האט אים די צדיק געפרעגט, "פארוואס קומסטו אייביג נאר אינדערוואכן, יאך וועל דיך נישט געזעגענען, נאר אויב די בלייבסט דא אויף שבת קודש",

און וויבאלד דער חסיד האט געהערט די קלארע דיבורים פונעם צדיק, אז ער זאל בלייבן אויף שבת, האט ער געלאזט וויסן פאר די משפחה, אז ער בלייבט ביים רבין אויף שבת קודש, און מען זאל אים נאכשיקען זיינע שבת'דיגע בגדים,

אינצווישן איז ער געפארן קיין פעסט פאר ביזנעס, און צוריק געקומען פאר שבת קודש צום רבין קיין ראצפערט, פרייטאג איז אנגעקומען א טעלעגראם פון זיין שטאט קיין ראצפערט, אז ער זאל חלילה נישט אהיים קומען, ווייל ערשט פריער זענען די חברה אים געקומען זוכן, דאן האט דער חסיד פארשטאנען די ווערטער פונעם צדיק וואס האט געזען ברוח קדשו תיכף ביים אנקומען, אז עס ווארט אים אפ א סכנה אינדערהיים, און דער צדיק האט אים געראטעוועט פון די סכנה.

הרה"ח ר' חיים יעקב דייטש ע"ה האט דערציילט, אז אינדערהיים אין אונגארן וואו ער פלעגט האנדלען מיט פעל, לעדער, וכדומה, האט זיך אמאל געמאכט אז מען איז געקומען ביי אים אונטער זוכן די סחורות, און זיי האבן געפונען א געוויסע סחורה, וואס איז געווען אומלעגאל צו האנדלען דערמיט, און עס האט אים געדראעט א הארבע שטראף, ר' חיים יעקב איז אין גרויס צוויפל געלאפן קיין ראצפערט צו רבי שלום אליעזר'ל אויסגיסן זיין הארץ,

אבער אנקומענדיג קיין ראצפערט אין הויז פון רבי שלום אליעזר'ל זי"ע, איז ער געוואויר געווארן אז רבי שלום אליעזר האט אן געזאגט פאר'ן גבאי'ן ר' הערש אלימלך דים ע"ה, אז ער זאל קיינעם נישט ארייגלאזן יהי' מי שיהי', אבער ר' חיים יעקב ערקלערט פאר ר' הערש אלימלך אז דא האנדלט זיך אין פיקוח נפש, ווייל מארגן דארף פארקומען דער משפט אין געריכט אין בערעגסאז, און אויב קומט ער ארויס שולדיג ווארט אויף אים דאס ערגסטע רח"ל, און ער זעט נישט קיין אויס וועג וויבאלד זיי האבן אזעלכע קלארע באווייזן,

ר׳ הערש אלימלך גייט אריין און גיבט איבער די רייד פאר רבי שלום אליעזר׳ל, אבער צו זיין באוואונדערונג איז די תשובה ווייטער געקומען, ער זאל קיינעם יעצט נישט אריינלאזן, ר׳ חיים יעקב איז געווען שטארק צובראכן און ער האט געבעטן דעם גבאי ר׳ הערש אלימלך ער זאל רחמנות האבן אויף אים און עפענען די טיר, אבער ר׳ הערש אלימלך האט זיך נישט געוואגט עובר צו זיין אויף דעם רבי׳ס באפעל,

ר׳ חיים יעקב האט נאך געמוזט כאפן די באן קיין קליינווארדיין און פון דארט קיין בערעגסאז, און וויסנדיג אז טאמער וועט ער נישט ערשיינען אין געריכט, איז ער זיכער פאראורטיילט צום ערגסטן רח״ל, איז ער געזעסן דארט אין בית המדרש מיט א ציטער, נישט וויסנדיג וואו זיך אהין צו טוען, דא ווערט שוין שפעט און ביז עטליכע מינוטן דארף שוין די לעצטע באן פארן קיין קליינווארדיין, און דער רבי איז נאך אלץ פארשפארט, ר׳ חיים יעקב האט נישט געוואוסט זיך אן עצה צו געבן צי ער זאל ווארטן אדער פארן,

אבער פלוצלונג קומט דער גבאי צו לויפן און רופט אים אין איילעניש, ״גיי שוין, דער רבי רופט דיך״, ער איז תיכף אריינגעלאפן צו רבי שלום אליעזר׳ל זי״ע, און גענומען אים דערציילן וואס דא גייט פאר, אבער נאך איידער ער האט פארענדיגט, שטרעקט רבי שלום אליעזר אויס די האנט, און זאגט אים, ״גיי לחיים ולשלום, וועסט מצליח זיין, אבער אייל דיך שנעל צום צוג טאמער וועסטו פארשפעטיגן״,

ר׳ חיים יעקב שטייט נאך צעמישט און צעטומלט, אבער רבי שלום אליעזר איילט אים ווייטער, ״נו אייל דיך צו און זעה דיך נישט צו פארזוימען״, ר׳ חיים יעקב נעמט זיך לויפן ארויס און איילט זיך צו די באן וואס האט זיך שוין אנגעהויבן צו גרייטן צום פארן, דארט אויפן באן באגעגנט ער א גוי פון זיין שטאט וועמען ער האט גוט געקענט, און ער זעט אז ער טראגט א פעקל, פרעגט אים ר׳ חיים יעקב, ״וואס טוסטו דא און וואו אהין פארסטו״, ענטפערט אים דער גוי אז ער איז געשיקט געווארן פון די פאליציי איבער צו געבן א פעקל פאר׳ן בערעגסאזער געריכט,

ווי ר׳ חיים יעקב באטראכט דאס פעקל, זעט ער דארט זיין נאמען געשריבן דערויף, און אויך די סחורה וואס מען האט ביי אים געכאפט, דערווייל האט ער פארצויגען א שמועס מיט׳ן גוי, און ווען די באן האט זיך אפגעשטעלט אין קליינווארדיין, זענען זיי ביידע אפ געשטיגען און זענען אריין געגאנגען אין א קרעטשמע זיך אביסל אפרוהען אין זיך אנווארעמען אביסל, ביז די באן קיין בערעגסאז וועט ווייטער פארן,

דער בעל הבית פון דעם גאסט הויז איז געווען א איד ר׳ יעקב שווארץ, איז ר׳ חיים יעקב צו געגאנגען צו אים און אים דערציילט די גאנצע געשיכטע, דאן זאגט ער אים, ״הער אויס, רבי שלום אליעזר האט מיך געשיקט דוקא מיט די באן, ס׳איז קלאר אז ער האט געזען וואס דא טוט זיך, דו מוזט יעצט זען ווייטער צו ערלעדיגן די זאך, ווייל איך מיז תיכף ווייטער פארן״,

ר׳ יעקב איז נישט געווען קיין בטלן, און ער האט תיכף געגעבן דעם גוי א שטארקע משקה פון וואס ער איז אנטשלאפן געווארן, דערנאך האט ער גענומען דאס פעקל און עס ערגעץ באגראבן, און דערווייל איז ר׳ חיים יעקב אנגעקומען אין געריכט, און דער ריכטער נעמט אים זידלען, ״א חוצפה פון א זשיד, אזא פארברעכן, אבער ר׳ חיים יעקב לייקענט שטיין און ביין, ער שרייט, ״עס הייבט זיך נישט אן, ס׳איז סתם א בלבול״,

דער ריכטער הערנדיג ווי ער לייקענט אלעס אפ, שרייט ער אים אן, ״ווארט נאר, באלד וועט מען ברענגען די סחורה מיט אלע באווייזן, וועסטו שוין גארנישט קענען אפ לייקענען״, ר׳ חיים יעקב אבער האלט זיך ביי זיינעם, אז עס איז שקר וכזב די גאנצע מעשה, מען האט געווארט און געווארט און דער גוי באווייזט זיך נישט,

נאך דעם ווי עס איז שוין דורכגעגאנגען צוויי שעה, האט זיך דער ריכטער אויפגערעגט פון אומגעדולד, און האט געזאגט פאר ר׳ חיים יעקב, ״טאמער קומט ער נישט אן ביז עלף אזייגער ביסטו פריי״, פארשטייט זיך אז דער גוי איז נישט אנגעקומען, און דער ר׳ חיים יעקב דייטש איז געווארן באפרייט.

ווערט דערציילט אז ווען דער צדיק וקדוש רבי שלום אליעזר זי״ע הי״ד איז אנגעקומען אין אוישוויץ, האט ער דארט ביים אריין גיין אין גאז קאמער באמערקט א זון פון איינע פון זיינע גרויסע חסידים, יענער איד האט ליידער געהאט די אויפגאבע, פון נעמען די גוף פון די קדושים נאכן אומקומען על קידוש השם אין גאז קאמער, און ל״ע פארברענען די גופים קדושים און די קרימיטוריום,

האט דאן דער צדיק וקדוש געבעטן א טובה פון דעם איד, אויב ער קען בשעת׳ן אריין לייגען זיין גוף קדוש אין פייער, אים ארום נעמען מיט א טלית, און דער צדיק האט יענעם איד צו געזאגט עולם הבא, און אז ער וועט אי״ה בזכות דעם ניצול ווערן פון די דייטשן ימ״ש, דער איד האט מיט א מסירת נפש מקיים געווען דעם בקשה

פונעם צדיק, און דער איד איז טאקע מיט ניסי ניסים ניצול געווארן ביי די מלחמה, און גאר שטארק מאריך ימים געווען ביז די ניינציג יאר,

א גרויסער וויין סוחר אין די שטאט דעברעצין האט דערציילט, אז עס איז געווען א תקופה אין אונגארן ווען דער פרייז פון וויין האט אנגעהויבן שטארק צו פאלן, און וויבאלד ער דער דעברעצינער סוחר האט געהאט ביי זיך א גרויסן קוואנטום פון וויין, האט ער געזוכט צו פארקויפן זיין וויין איידער עס ווערט נאך ביליגער, אין א טאג איז אנגעקומען צו אים אן אנדערער וויין סוחר, וואס ער איז געווען גרייט אפ צו קויפן גאר א גרויסן קוואנטום פון וויין, דער דעברעצינער סוחר האט זיך שטארק געפרייט צו פטר'ן זיין גאנצן וויין וואס ער האט געהאט אין זיין באזיץ, ער האט אים אלעס פארקויפט, און ווי פארשטענדליך איז ער געווען זעהר צופרידן צו באקומען א שיינע מטבע,

נאך א קורצע צייט איז פלוצלונג דער פרייז פון וויין צוריק ארויף, און פארשטענדליך אז דער צווייטער סוחר דער קונה האט פארדינט א פארמעגן מיט געלט, ווייל ער האט דאך ערשט יעצט געקויפט גאר אסאך וויין, פאר דעם דעברעצינער וויין סוחר איז געווען די גאנצע זאך א גרויסע פלא, וואס עפעס איז פאר דעם אנדערן וויין סוחר איין געפאלן צו אינוועסטירן אזא גרויסע סכום אין וויין, ווען מען זעט אז דער פרייז פאלט אזוי דראסטיש, האט ער זיך מיישב געווען אויפצוזוכן דעם אנדערן סוחר דער קונה, און ער האט אים טאקע געפרעגט וואס איז אים איין געפאלן צו קויפן אזא גרויסן קוואנטום פון וויין, פונקט איידער די פרייזן זענען אזוי הויך געשטיגן,

האט דער קונה געענטפערט, איך בין געווען ביי הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט אויף "שבת שירה", און רבי שלום אליעזר'ל האט מיר געזאגט אז איך זאל געדענקן צו שיקן א פאס וויין אויף פסח, האב איך געזאגט, "רבי, דער וויין איז דאך אזוי ביליג, אז דאס שיקן קאסט מער ווי דער גאנצער וויין", האט מיר דער רבי געענטפערט, "נו, נו, ביז פסח קענען נאך די פרייזן זעהר שטייגן", ווען איך האב דאס געהערט האב איך עס אן גענומען פאר א רוח הקודש, אז דער רבי זעט ברוח קדשו, אז פאר פסח וועט דער וויין זיין זעהר טייער, ממילא האב איך אריין געלייגט אסאך געלט אפצוקויפן וויין, און איך זע אז דער רבי איז טאקע גערעכט געווען,

בדרך כלל פלעגט נישט רבי שלום אליעזר מקפיד זיין שמחת תורה בשעת די הקפות אז מען זאל נישט שטיין נאנט צו אים, אבער אין זיין לעצטן יאר שמחת תורה בשנת תש"ד, האט דער צדיק רבי שלום אליעזר זי"ע פלוצלונג געגעבן א זאג פאר די וואס זענען געשטאנען נעבן אים, אז זיי זאלן זיך שטעלן אויף א זייט, כדי אז עס זאל זיין ברייווח פלאץ, אויפ'ן עולם איז געפאלן א פחד, ווען באלד דערנאך האט רבי שלום אליעזר זי"ע געגעבן א זאג, "עטס זעטס נישט, דער טאטע שטייט דאך דא!",

הרה"ח המפורסם מגדולי בעלי צדקה וחסד בדורנו ר' דוד לייב שווארץ ז"ל פון בני ברק, איז געווען נידריג אין געוואוקס, יונגערהייט האט ער געלערנט ביי הגה"צ ר' עזריאל יהודה לעבאוויטש אב"ד האדהאז זי"ע, און נאך די מלחמה, רב פון קהל עדת יראים וויען אין ניו יארק, און ביי די פערצן יאר האט ער זיך פארהערט הלכות שבת ביי זיין רבי'ן דער האדהאזער רב,

דער האדהאזער רב פלעגט אסאך פארן קיין ראצפערט צו הרה"ק רבי שלום אליעזר זי"ע, און האט אמאל מיט גענומען זיין תלמיד דוד לייב שווארץ צום רבי'ן קיין ראצפערט, ביים נעמען שלום, האט דער רב פארגעשטעלט זיין תלמיד, און געבעטן דעם רבי'ן ער זאל אים פרעגן עטליכע שאלות אין הלכות שבת, האט רבי שלום אליעזר'ל געפרעגט דעם בחור עטליכע שאלות, און הערנדיג זיינע ענטפערס, האט דער רבי געפרעגט דעם האדהאזער רב, וואס פאר א מתנה זאל איך געבן פאר דעם בחור'ל אלס שכר פארן אזוי גוט קענען,

האט דער האדהאזער רב געענטפערט, אז ער איז זעהר נידריג געוואקסן, און דער רבי זאל אים אנווינטשן אז ער זאל וואקסן צו א שיינע הייעך, האט דער צדיק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע ארויפגעלייגט זיין הייליגע האנט העכער דעם בחור'ל דוד לייב און געפרעגט, ביז דא וועט זיין גוט, דוד לייב האט נישט געענטפערט, האט דער צדיק אויפגעהויבן זיין האנט נאך העכער, און ווייטער געפרעגט, ביז דא וועט יא זיין גוט, האט ער געענטפערט: "יא", האט דער רבי אנגעוואונטשן, דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט וואקסן ביז דא, ר' דוד לייב פלעגט טאקע אנווייזן, אז ער איז געוואקסן גענוי ביז וואו דער רבי האט געוויזן מיט זיין הייליגע האנט.

איז געווען איינע פון די גרויסע חסידים פון זיין טאטע הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע וואס איז איינמאל געקומען צום זוהן דער צדיק רבי שלום אליעזר זי"ע, און מזכיר געווען אז דער דאקטאר האט געהייסן מאכן א אפעראציע, און געפרעגט דעם צדיק וואס ער זאגט, דער צדיק האט אים געזאגט אז מען זאל דעם אפעראציע

נישט מאכן, ווען דער איד איז צוריק געקומען צום דאקטאר און געזאגט, אז ער וויל נישט מאכן דעם אפעראציע, האט דער דאקטאר געפרעגט פארוואס, האט דער איד געזאגט, מיין רבי ר' שלום אליעזר מראצפערט האט געזאגט אז מען זאל עס נישט מאכן,

האט דער דאקטאר געזאגט, אז ער וואלט זייער געוואלט רעדן צו דעם רבין, און הערן פארוואס ער זאגט אז מען זאל נישט מאכן דעם אפעראציע, איז דער דאקטאר אריבער צום צדיק און געפרעגט, פון ווי נעמט דער רבי אז מען זאל נישט מאכן דעם אפעראציע, האט דער צדיק געזאגט, איך וועל דיר פארציילן א מעשה פון מיין הייליגען טאטע דער צאנזער רב זי"ע,

אין צאנז האבן געוואוינט דריי אידן מיטן נאמען "חיים", איינס איז געווען דער טאטע זי"ע, דער צווייטער איז געווען חיים דער דאקטאר, דער דריטער איז געווען חיים דער וואסער טרעגער, איינמאל איז א איד געקומען מזכיר זיין צום טאטען, אז זיין פרוי איז זייער נישט געזונט און ממש א מסוכנת, און ער ברויך די טאטע זאל אים העלפן, האט דער טאטע זיך אנגערופען "חיים גיי געב א קוק" איז דארט געווען חיים דער וואסער טרעגער, און מיט גרויס תמימות האט ער אוים געפאלגט דעם טאטן'ס באפעל, און אריבער צו די פרוי די חולה,

דער טאטע האט באמערקט אז דער וואסער שעפער איז נישט דארט, און ווען דער וואסער שעפער איז צוריק געקומען, האט אים די טאטע א פרעג געגעבן ווי בוסטו געווען, האט דער וואסער שעפער געזאגט, איך האב באקומען א באפעל פונעם רבין צו גיין צום חולה, האט דער טאטע געפרעגט וואס האסטו דארט געטון, האט ער געזאגט, איך האב פארן חולה געגעבן וואסער און געזאגט תהילים, און עס איז איר גלייך בעסער געווארן,

האט רבי שלום אליעזר אוים געפירט, אויב דער פשוטע וואסער שעפער ביים טאטן האט דאס געקענט, דאן קען איך אויך, איז דער דאקטאר אריבער צו דעם איד ער זאל אים נאכאמאל אינטער זוכן, און לפלא ער האט דעם מחלה נישט מער געטראפן, און דער איד איז אינגאנצן געזונט געווארן, דאן האט דער דאקטאר געזאגט, "דאס קען נאר טון א רבי א קדוש" און עס איז געווען דערפון א גרויסע קידוש השם.

הרה"ח רבי ישראל שלום בראנער ז"ל אלס קינד איז איין ערב פסח ביי בדיקות חמץ צוזאמען געפאלן, מען האט שנעל אריבער געריפן דעם דאקטאר, און אזוי ווי דער דאקטאר האט א קוק געטאן אויפן קינד, האט ער געזאגט, עס'ן רופט מיך צו א טויט קינד, איך קען א טויט קינד נישט העלפן,

איז דער טאטע הרה"ח רבי וואלף ז"ל אריבער געלאפן צום צדיק הרה"ק רבי שלום אליעזר זי"ע, און ער האט געטראפן דעם רבין ארויס קומען פון שטוב מיטן ליכטל צו גיין בודק חמץ זיין אונעם סוכה, אזוי ווי דער צדיק האט געזען רבי וואלף מיט פארווייינטע אויגן, האט ער אים געפרעגט וואס גייט פאר, האט רבי וואלף פארציילט פארן רבין וואס עס גייט פאר,

האט דער צדיק זיך אנגערפען, בזכות פון מיין הייליגען טאטן וועט קומען א ישועה, און געזאגט פאר רבי וואלף, גיי אריבער צו רבי שמואל שרייבער, און בעט פון אים אביסל האניג, און מען זאל דאס געבן פארן קינד, האט רבי וואלף געזאגט, אז מען קען אפילו נישט עפענען דעם מויל פונעם קינד, האט די רבי געהייסן מען זאל עפענען אפילו א קליין שפאלט און אריין לייגן די האניג, דער חסיד רבי וואלף האט אויסגעפאלג וואס דער רבי האט געהייסן און דער קינד האט זיך דערוועקט, און ביים סדר איז שוין דער קינד געזעצן צוזאמען מיט די משפחה ביים טיש.

ווען רבי שלום אליעזר זי"ע, איז אמאל געווען אין קור–ארט פעליגס נעבן גרויסווארדיין, האט מען אריינגעברענגט א קינד וואס איז שוין געווען 6 יאר אלט אבער האט נישט גערעדט, האט מען דעם קינד געברענגט צום צדיק, האט דער צדיק צו גערופען דעם קינד, און זאגט אים, "זאג דאס ווארט שבת", און תיכף ומיד האט דאס קינד געזאגט "שבת", האט זיך דער צדיק רבי שלום אליעזר אנגערופען צום טאטן, "ער רעדט דאך יא" און פון דאן און ווייטער האט דער קינד גערעדט כאחד אדם.

איינמאל האט דער צדיק געזאגט בדרך צחות, חז"ל זאגן, צדיקים ממונם חביב עליהן יותר מגופן, וואס טייטשט אז צדיקים האבן ליב געלט מער ווי זייער גוף, האט דער צדיק געזאגט בדרך צחות, וואס זאל מען טון אז ישעי' הנביא האט שוין געזאגט "ועמך כולם צדיקים",

**יארצייט**
**פרייטאג י"ז סיון**

## הרה"ק רבי אהרן ב"ר אשר זי"ע, (פרלוב),
## בעל בית אהרן, מקארלין,
## "הנקרא רבי אהרן השני מקארלין"

ער איז געבוירן אין שטאט סטאלין, ראש חודש סיון בשנת תקס"ב,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי אשר הראשון מסטולין זי"ע,
הנקרא דער גרויסער רבי אשר,
בן הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע,
בן הצדיק נסתר רבי יעקב מקוברין זי"ע,
א ברודער מיט הרה"ק רבי נחמן מקוסוב זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת פייגא ע"ה,
בת הרה"ק רבי אהרן שותק מזעליחוב זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק יסוד עולם, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים און א גדול בתורת הנגלה והנסתר, עמוד צלותהון דישראל, אויך איז ער געווען א גרויסע עניו און מקרב געווען יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה, אין מידת השמחה איז דער צדיק געווען א יחיד בדורו, גדולי הדור האבן דעם צדיק גערופען מיטן נאמען "דער פרייליכער צדיק", און הרה"ק מקאברין זי"ע האט געזאגט, מיינט נישט אז זיין שמחה איז געווען אין זיין טבע, נאר דער צדיק האט שווער געארבעט צו זיין בשמחה,

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, פילע מופתים פארציילט מען ווי אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות דורך זיינע ברכות, עס איז געווען "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א אש קודש, וואס דאס האט אויף געהויבן די חסידים און זיי נענטער געברענגט לאביהם שבשמים, און ווי עס איז באוויסט האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט ביי די הסתלקות פונעם בית אהרן בזה"ל, "עס איז צוגענומען געווארן דער סידור'ל פון די וועלט",

פארציילט מען אז דער הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע לעכאוויטשער זי"ע פלעגט כסדר פארן צוזאמען מיטן צדיק הרה"ק רבי אשר מסטאלין זי"ע צו הרה"ק רבי ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע נאכן פטירה פון זייער רבין הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע, די סדר איז געווען אז דער לעכאוויטשער פלעגט דורך פארן דעם שטאט סטאלין, און פון דארט זענען זייביידע געפארן קיין מעזיבוז צום צדיק רבי ברוכ'ל זי"ע,

איינמאל ווען דער לעכאוויטשער איז אנגעקומען קיין סטאלין, איז דאן פונקט געבוירן געווארן דער זון דער הייליגער בית אהרן זי"ע, איז דער לעכאוויטשער געבליבן דארט אויפן ברית, דער ברית איז פארגעקומען דעם צווייטען טאג שבועות און רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע איז געווען סנדק,

ווען עס איז אנגעקומען צו "ויקרא שמו בישראל" האט דער הייליגער לעכאוויטשער געזאגט, "ויקרא שמו בישראל, מורה מורינו הרב רבי אהרן", און ער האט ארויף געלייגט ידיו הקדושים אויפן קעפל פונעם קינד, און אים געבענטשט און געזאגט, "דו זאלסט זיך נישט נארן, ג-ט נישט נארן, און לייט (מענטשן) נישט נארן", און אויף דעם האט דער זון הרה"ק מסטאלין זי"ע צו געלייגט בזה"ל, "דעם אויבערשטער טאר מען נישט נארן, מענטשן קען מען נישט נארן, נארן נארט מען זיך אליין",

ער האט חתונה געהאט אין שטאט קרעמניץ, מיט הרבנית הצדקת מרת חוה ע"ה,
בת הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,

דערציילט מען אויף די רעבעצין חוה ע"ה, אז צדיקים האבן מעיד געווען אויף איר גרויסקייט און צדקת, הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע האט געזאגט פארן בית אהרן זי"ע בזה"ל, "ביי די חתונה זענט איר געווען א קליינער (13 יאר אלט), און איך בין געווען אזוי גרויס, היינט זענט איר געווארן א גרויסע רבי, אבער וואס איז דער וואונדער, אז איר זענט געווארן א רבי, אז איר האלט דעם רבין'ס טאכטער חוה'לען פאר א ווייב, דער טאטע האט דאך געזאגט אויף איר, אז זי איז הויל מוח",

די ערשטע צוויי יאר נאך די חתונה איז ער געווען סמוך על שלחנו פונעם גרויסן שווער, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, נאך בערך צוויי יאר איז ער צוריק קיין קארלין, און כ"ו תשרי בשנת תקפ"ז מיטן פטירה פון זיין טאטן הרה"ק רבי אשר מסטולין זי"ע, האט מען אים אויף גענומען אלס

ממלא מקום פונעם טאטן אלס רב אין שטאט קארלין, דארט האט ער געפירט דאס הנהגה פון די קהלה פאר בערך 35 יאר.

דער הייליגער פעטער הרה"ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי"ע האט דאן געשיקט א שיינע כתב המלצה פאר די אידן אין קארלין זייער אויסרימענדיג דעם נייעם רב אין קארלין, טויזענטער אידן זענען געקומען מיט האלטן זיין הייליגע עבודה, וואס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע התלהבות אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיין טאטע זי"ע.

ווען ער איז געווארן רבי אין קארלין איז ער נאך געווען גאר יונג בערך 25 יאר אלט, אבער טויזענטער חסידים זענען געקומען צו אים פאר ברכות, ספעציעל איז מען געקומען מיט האלטן זיינע הייליגע תפילות, וואס זענען צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע ברען און א בחינה פון קול ד' בכח, און ווי באוויסט איז ער געווען א גאר שיינע בעל תפלה מיט א הארציגע קול וואס האט מעורר געווען אידישע קינדער צו תיקון המעשים.

אויך איז זיין עבודות הקודש שבת קודש געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה, יעדער וואס איז געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש איז ממש געווען אין א פחד השם און א יראת הכבוד, ער האט געפירט דעם שבת מיט א ספעציעלע קדושה און דביקות, ער איז געווען באוויסט מיט זיין גרויסע כח הנגינה וואס איז געווען מיט א השתפכות הנפש און מיט קולי קולות וואס האט איבער גענומען יעדן איינעם.

איינמאל האט א בעלזא חסיד גערעדט צו זיין רבין הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע איבער די גרויסקייט פון דעם הייליגען צדיק רבי אהרן הגדול זי"ע, און ער האט זיך אויס גערדריקט, "דער גרויסער רבי אהרן", האט דער הייליגער בעלזא רב געזאגט בזה"ל, "דער צווייטער רבי אהרן דער בית אהרן, איז נישט געשטאנען קיין סאך קלענער פאר איהם, דערפאר זאגט מען, דער ערשטער רבי אהרן, און דער צווייטער רבי אהרן".

אפילו די זקנים בדורו האבן זיך מכניע געווען צו דעם צדיק מיט א געוואלדיגע הכנעה, ווער רעדט נאך פון די תפילות פון די ימים נוראים און די ימים טובים וואס דאן זענען א גאר גרויסע עולם געקומען מיט האלטן דעם עבודת הקודש פון דעם צדיק וקדוש וואס איז געווען מיט בכיות ודביקות בשם און מיט א פחד ויראת יום הדין.

דער הייליגער בית אהרן זי"ע איז איינמאל געווען אויף א שבת קודש ביים איידעם אין סאדיגורא, האט דער איידעם צוגעשיקט דעם שווער צום עמוד דאווענען מוסף, און ער האט זיך אויסגעדרייט צו די חסידים און געזאגט, "הערט גוט אויס דאס דאווענען, ווייל אזא תפלה וועט איר שוין נישט הערן ביז ביאת המשיח", אויך האט זיך דער איידעם אמאל אויסגעדריקט פאר די חסידים נאך די הסתלקות פונעם שווער בזה"ל, "דער יחיד חי העולמים איז ביי יעדן דער זעלבער, אבער אזא יחיד חי העולמים ווי דער שווער האט געזאגט, דאס וועט שוין נישט זיין".

איינמאל זיצענדיג ביים שלחן הטהור האט ער צו געריפען איינע פון זיינע תלמידים, און געבעטן אז ער זאל ארויס גיין אויפן גאס, און זאל אים צוריק קומען זאגן וואס ער האט דארט געזען, דער תלמיד קומט צוריק און זאגט, אז ער האט געזען צוויי שיכורים גיין אויפן גאס און איינער זאגט פארן אנדערן, "לאמיר זיך איינער דעם אנדערן אנכאפן אזוי וועלן מיר נישט אימפאלען", האט דער צדיק געזאגט פאר די תלמידים, הערט עטץ וואס די צוויי זאגן, אויב כאפט מען זיך אן איינער אונעם אנדערן און מען איז זיך איינער דעם אנדערן מחזק, קומט מען ח"ו נישט צו קיין נפילה.

אויך האט ער אסאך עוסק געווען אונעם מצות ישוב ארץ ישראל, און געשיקט א קבוצה פון זיינע תלמידים וואס האבן זיך בעזעצט אין שטאט טבריה, דארט האט ער אפ געקויפט דאס הייליגע ביהמ"ד פון הרה"ק רבי מענדעלע מוויטעפסק זי"ע, פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, און ער האט דאס געלאזט שיין איבערבויען ווי עס פאסט פאר אזא הייליג פלאץ, בערך בשנת תרכ"ד האט דער צדיק זיך אריבער געצויגען קיין סטאלין, און דארט איז ער שוין געבליבן כמעט ביז צו זיין הסתלקות.

איינמאל איז דער הייליגער בית אהרן זי"ע געפארן מיט זיין זוהן הרה"ק רבי אשר'ל זי"ע קיין פרעמישלאן צום צדיק הרה"ק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע וואס איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין שווער רבי מרדכי'לע מקרעמניץ זי"ע, האט רבי מאיר'ל געזאגט, איך בין געווען ביי די חתונה ביי מיין רבין רבי מרדכי'לע פון זיין טאכטער וואס האט חתונה געהאט צום בית אהרן, האב איך געהערט ווי דער שווער ביים ליינען די כתובה האט ער געזאגט בזה"ל, "ומפרנסין לנשיהון בקושטא", און ער האט מפרש געווען די ווערטער, אז דער איידעם זאל פירן

אידישע קינדער מיטן אמת, און ער זאל זיין א מנהג הדור מיטן אמת.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אונעם ספר "בית אהרן", וואס דער ספר איז געווען פון די גרעסטע חסידישע ספרים, וואס דאס באלייכט די אויגן פון אידישע קינדער און איז מחזק אידן אין עבודת השם עד היום.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי אשר השני מסטולין זי"ע,
בתו הצדקת מרת מרים ע"ה, אשת הרה"ק רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי"ע, בן הרה"ק מרוזין זי"ע,
בתו הצדקת מרת ציפורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי דוד מזלאטיפולי זי"ע, בן הרה"ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע,

בשנת תרל"ב איז הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע דורך געפארן דעם שטאט מלינוב, און ער האט דאן געזאגט פאר די חסידים, אז מען זאל זיך נישט צו לאנג אויפהאלטן אין דעם שטאט, נאר שנעל דורך גיין, ווייל ער זעט אז אין מלינוב ווארט מען אויף א גדול הדור, און ער פארכט זיך צו פארזוימען דארט,

שפעטער איז דער צדיק דער הייליגער בית אהרן זי"ע דורך דעם שטאט, און ער איז טאקע דארט נסתלק געווארן און דארט איז ער באערדיגט געווארן,

דער זוהן דער צדיק וקדוש רבי אשר השני זי"ע האט געזאגט, אז דער טאטע האט אים געזאגט נאנט צו זיין הסתלקות, אז אויפן ציון פונעם זיידן הרה"ק רבי אהרן הגדול מקרלין זי"ע אין שטאט קארלין, קען מען מקונן זיין און ליינען די פסוק "דרכי ציון אבילות מבלי באי מועד", ווייל עס קומען נישט אהין קיין מענטשן,

אבער אנדערש איז די ציונים פון די צדיקים וואס ליגען אין מדינת וואלין, וואס דארט קומען אידן זיך משתטח זיין בתפלה ותחנונים צו השי"ת, אזוי האט מיר די טאטע מרמז געווען מיט זיין הייליג מויל, אז ער האט מתפלל געווען אז ער זאל ליגן אין וואלין, וכך הוה זיין תפלה איז נתקבל געווען און ער איז נסתלק געווארן אין מלינוב וואס איז אין וואלין,

אין ארץ ישראל האט געוואוינט א חסיד פונעם בית אהרן הרה"ק רבי וועלוול פינסקער זי"ע, און ביום י"ז סיון איז דער חסיד אריינגעקומען אין ביהמ"ד מיט א בהלה, אז ער האט געזען אין חלום אז די רבי איז נסתלק געווארן אין ירושלים און מען האט זיין הייליגער גוף באערדיגט אויפן הר הזיתים נעבן דעם הייליגען אור החיים הקדוש זי"ע, די אנדערע חסידים זענען זייער ברוגז געווען אויף דעם רבי וועלוול, ווייל דארט האט מען נאכנישט געוויסט אז דער רבי איז נסתלק געווארן,

אפאר טאג שפעטער איז אנגעקומען די בשורה לא טובה אז די רבי דער צדיק וקדוש דער בית אהרן זי"ע איז טאקע דאן נסתלק געווארן, פארציילט מען אז ווען הרה"ק רבי אברהם אלימלך מקרלין זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל אונעם טאג י"ז סיון, איז ער ארויף צום ציון פונעם הייליגען אור החיים הקדוש זי"ע, און דארט גענומען קוויטלעך ווי ביים ציון פונעם זיידן דער הייליגער בית אהרן זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ביום י"ז סיון בשנת תרל"ב, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט מלינוב,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

אין די צייטן פונעם הייליגען בית אהרן זי"ע איז געווען א וואלד סוחר, וואס זיין פרנסה איז געווען אפצוקויפן א וואלד מיט ביימער, און צושניידן און פארקויפן דאס האלץ, און שפעטער האט ער די ליידיגע וועלדער פארקויפט פאר פארשידענע לאנד ארבעט, געלט אויף צו קויפן די וועלדער פלעגט ער בארגן פון די שטאט מענטשן, און נאכן פארקויפן און מאכן שיין פרנסה האט ער צוריק באצאלט אלע חובות,

ויהי היום, א פריץ האט אים געלאזט וויסן אז ער האלט ביים פארקויפן א גרויסע וואלד, און ער וויל פאר דעם זיבן טויזנט רובל, דער איד האט געזען אז פון דעם וואלד קען מען מאכן שיין פרנסה, איז ער געגאנגען און זיך אנגעבארגט די זיבן טויזנט רובל, און ער איז געגאנגען צום פריץ און געגעבן דאס געלט, אבער די געשעפט האט געדארפט געענדיגט ווערן און די קומענדיגע טעג,

דערווייל איז געווארן א שטארקע שפע פון האלץ אונעם געגענט, און די פרייזן זענען זייער געפאלן, און דער

וואלד איז געווען ווערט אפשר צוויי טויזנט רובל, איז דער איד צוריק צום פריץ און געזאגט, אז אזוי ווי דער געשעפט איז נאכנישט געענדיגט, וויל ער צוריק ציען פונעם געשעפט, און דער פריץ זאל אים צוריק געבן דאס געלט.

אבער דער פריץ איז געווארן אין כעס און געזאגט פארן איד, אז אויב די פרייז פון האליץ וואלט ארויף געגאנגען וואלסטו נישט צוריק געצויגען פונעם געשעפט, און געזאגט פארן איד, אז ער זאל נישט פראבירן נאכאמאל צוריק צו קומען, ווייל אויב יא וועט ער אים שיסן אויף טויט, דער איד האט גאנץ גוט געוויסט, אז דער פריץ איז נאך אימשטאנד צו מקיים זיין וואס ער האט געזאגט.

פארלוירנערהייט איז דער איד אריבער געלאפן צום הייליגען בית אהרן זי"ע, און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, אז ער איז דא אימשטאנד צו פארלירען זיין גאנצע פארמעגען און דאס געלט וואס ער האט געבארגט איז אויך פון אלמנות און אנדערע וואס ברויכן דאס געלט צום לעבן, און געבעטן דעם צדיק אז ער זאל אים ארויס העלפן.

האט דער צדיק געהייסן פאר דעם חסיד, אז ער זאל דא בלייבן פאר א שטיק צייט, און עס וועט בקרוב קומען א ישועה, נאך אפאר וואכן האט אים דער צדיק געהייסן, ער זאל אריבער גיין צום פריץ און נאכאמאל בעטן דאס געלט, און ער זאל זאגן פארן פריץ אז "דער סטאלינער רבי האט געהייסן דו זאלסט מיר צוריק געבן דאס געלט", דער איד מיט זיין גרויס אמונת צדיקים, איז אריבער צום פריץ, און געזאגט די ווערטער, "דער סטאלינער רבי האט געהייסן דו זאלסט מיר צוריק געבן דאס געלט.

דער פריץ איז גלייך אריין אין א צארן, און לויפט ברענגען דעם רעוואלווער צו שיסן דעם איד, איז אבער דארט געווען א אלטער פריץ, און ער פרעגט פון אים וואס גייט דא פאר, פארציילט אים דער פריץ די חוצפה פון דעם איד, אז ער איז יא צוריק געקומען, און זאגט אים נאך עפעס פון "א סטאלינער רבי", זאגט אים דער אלטער פריץ, אויב דער סטאלינער רבי האט געהייסן, זאלסטו בעסער טון וואס ער האט געהייסן, ווייל מיט אים לוינט זיך נישט אנצוהייבן, איך וועל דיר דערציילן א מעשה וואס איז מיט מיר געשען.

איך האב געהאט א קרעטשמע וואס איך האב פארדינגען פאר א איד, איין יאר האט דער איד מיר נישט געקענט ברענגען דאס געלט צו באצאלן, האב איך דעם איד געזאגט, אז אויב ער וועט מיר נישט ברענגען דאס געלט, וועל איך אים ארויס שטעלן פונעם קרעטשמע.

ויהי היום עס איז געווען א שטארקע פרעסט אויפן גאס און א גרויסע שניי, האב איך אויס גענוצט דעם געלעגנהייט צו נקמה נעמען אין דעם איד, און איך האב דעם איד ארויסגעווארפן אויף די גאס מיט די ווייב און קינדער אויף די שניי און פרעסט, די וויינעריי פון די משפחה האט מיך בכלל נישט באריהרט, נאר איך בין מיר אריין אין שטוב און זיך געלייגט שלאפן.

פלוצלונג זעה איך שטיין נעבן מיין בעט א ראבינער און ער זאגט מיר, "איך בין דער סטאלינער רבי, און אזוי ווי די האסט ארויס געווארפן א איד וואס איז פון מיינע מענטשן אויף די שניי, זאלסטו שוין ארויס גיין און אים צוריק אריין נעמען".

איך האב געקלערט אז דאס איז נאר א חלום און זיך אויסגעדרייט אויף די אנדערע זייט, אבער פלוצלונג זעה איך דער ראבינער שטיין אויף די צווייטע זייט, און ער סטראשעט מיך אז איך זאל שוין אריין נעמען דעם איד מיט זיין פאמיליע צוריק אין די קרעטשמע, און פון שרעק האב איך זיך אנגעטון, און ארויס געלאפן און בלית ברירה אריין גענומען דעם איד צוריק אין קרעטשמע.

פירט אויס דער אלטער פריץ, אויב דער סטאלינער רבי האט דיר געהייסן אפגעבן דאס געלט, פאלג און צאל אפ דעם איד, און ווער פטור, ווייל מיט אים איז נישט כדאי זיך אנצוהויבן, דער יונגער פריץ האט זיך דערשראקן און באלד ארויס גענומען די זיבן טויזנט רובל און אפ געגעבן דעם איד, און דער איד איז אהיימגעפארן א געהאלפענער.

אונעם שטאט פונעם צדיק דער בית אהרן מקארלין זי"ע איז געווען א גאווערנער א גרויסע רשע, און דער צדיק האט געשיקט מיט א חסיד זיינער רבי משה שוחד געלט, אז דער רשע זאל נישט קומען גאנץ ימים נוראים בודק זיין די פאספורטן ביי די חסידים וואס קומען אויף יום טוב צו אים, אבער דער רשע האט געלאזט וויסן, אז ער וועט יא קומען ראש השנה איבער קוקען די פאספורטן, אין פון עגמת נפש האט רבי משה באקומען א פיבער און אריינגעפאלן אין בעט, צוויי טאג פאר ראש השנה האט דער צדיק געפרעגט דעם גבאין, פארוואס רבי משה קומט נישט.

האט מען געלאזט רופן רבי משה, און אפילו זייענדיג מיט הויעך פיבער אין בעט, איז ער אריבער צום צדיק, און געזאגט וואס דער רשע האט געזאגט אז ער גייט טון יום טוב, האט דער צדיק געזאגט, אז ראש השנה איז דער יום טוב וואס מען זאגט "ומלכותו בכל ממשלה", און עס וועט אי"ה נתגלה ווערן שמו של הקב"ה בכל העולמות, און כך הוה דעם ערשטן נאכט ראש השנה האט זיך דער גוי דער גאווענער געלייגט שלאפן, און ער איז נישט אויף געשטאנען, כל יאבדו כל אויביך ד',

דער הייליגער בית אהרן זי"ע איז איינמאל געווען צו גאסט אויף שבת אין א געוויסע שטעטל, און ווען מען האט אים געגעבן די חלה שבת קודש, און ער האט טועם געווען דערפון, האט ער געבעטן אז מען זאל לאזן רופן דעם עקרת הבית, ווייל ער וויל איר עפעס פרעגן, ווען זי איז אנגעקומען האט דער צדיק געפרעגט פון איר, וואס האט איר אריין געלייגט אין די חלה,

קודם האט זי זיך זייער דערשראקן פון די קשיא, אבער ווען זי האט זיך בארואיגט האט זי געזאגט פארן צדיק, אז זי האט אריינגעלייגט אין דעם טייג אייער, אויל, וואסער, און אלע אנדערע זאכן וואס מען לייגט אריין, אבער דער הייליגער בית אהרן איז נישט געווען צופרידען,

געבט די אידענע א זאג, אז איידער איך האב אנגעהויבן קנעטן, האב איך אריינגעלייגט א גאנצע רענדל אין די פושקע פון "רבי מאיר בעל הנס", און געבעטן דעם אייבערשטן, אז די חלות זאלן שיין אויס קומען לכבוד שבת קודש, האט דער הייליגער בית אהרן הנאה געהאט פון דעם און געזאגט, וויבאלד זי האט געמאכט די חלות מיט א "שכל טוב" האבן די חלות א "ריח טוב" און מען פילט דערין א ספעציעלע קדושה.

בחצר קדשו פונעם צדיק דער הייליגער בית אהרן מקארלין זי"ע, איז געווען א אינגערמאן א עובד השם באמת, וואס איז אבער אייביג געווען זייער צו געלייגט, און אייביג געהאט א מחשבה אז ער דינט נישט דעם באשעפער בשלימות, און דאס האט דעם יונגערמאן גאר שטארק געשטערט מיט זיין עבודת השם, האט אים איינמאל דער צדיק דער בית אהרן אריין גערופען צו זיך אין שטוב, און אים דערציילט די מעשה,

איינמאל איז א גרויסע משפחה געפארן צו א גאר ווייטע שטאט אויף א שמחה פון א חתונה פון איינע פון די קינדער, האבן זיי אפגעדינגען א גרויסע וואגען, אז די גאנצע משפחה זאל קענען פארן צוזאמען, שטייענדיג גרייט ארויס צו פארן, האבן זיי באגעגענט א איד וואס האט אויך געדארפט פארן צו יענעם שטאט, און ער האט זיי געפרעגט אויב ער קען זיך מיטכאפן מיט זיי,

האבן זיי אים געזאגט, ווי די זעסט פארן מיר צו א משפחה שמחה, און יעדער איז ב"ה שטארק אויף געלייגט, איז אויב די נעמסט דיך אונטער, אז די וועסט אויך זיין שמח וטוב לב די גאנצע וועג, דאן קענסטו מיט קומען אויפן וועג, אויב אבער די ווילסט נישט זיין בשמחה קענסטו נישט מיט קומען מיט אונז, וויבאלד מיר ווילן נישט אז עפעס זאל שטערן אונזער שמחה,

האט דער צדיק אויסגעפירט, חז"ל זאגן דאך "האי עלמא כבי הילולא דמיא", קומט דאך אויס אז אויף יענע וועלט איז דא א גרויסע חתונה און א שמחה, איז אויב איז א איד אויך אייביג בשמחה און מען לעבט מיט א שמייכל, דאן קען מען ארויף קומען אויף יענע וועלט צוזאמען מיט אלע צדיקים, אבער אויב א איד איז בעצבות דא אויף די וועלט, דאן לאזט מען נישט ארויף קומען צו די גרויסע חתונה.

אין סטאלין איז געווען א איד מיטן נאמען רבי יונה לייב ע"ה, וואס איז געווען א גרויסע חסיד פון רבי אשר הראשון מסטולין זי"ע, און שפעטער פונעם הייליגען בית אהרן מקארלין זי"ע, רבי יונה לייב איז ל"ע אוועק יונג פון דער וועלט, און איבער געלאזט א בחור א יתום וואס האט ליידער נישט געהאט קיין ריכטיגע חינוך, ווייל די מאמע איז אויך אוועק יונגערהייט, און דער בחור האט נישט געהאט ווער עס זאל זיך אויף אים אומקוקען,

דער בחור האט זיך פארדינגען ביי א גוי צו ארבעטן, און אזוי איז ער ליידער געווארן מער און מער פארקראכן, ביז איינמאל האט דער גוי מחליט געווען, צו נעמען דעם בחור פאר א איידעם פאר זיין גוי'שע טאכטער, ווען די קארלינער חסידים זענען פון דעם געוואויר געווארן, האבן די חסידים געלאזט וויסן פארן רבין וואס עס קומט פאר,

האט דער צדיק געזאגט, אז ווען דער בחור וועט זיין אין שטאט פינסק, וואס איז נאנט צום שטאט קארלין אויף מסחר, זאל מען דעם בחור זאגן, אז די רבי וויל מיט אים רעדן, אבער דער בחור האט בשום אופן נישט געוואלט קומען צום רבין, ווייל ער האט גאנ'ץ גוט געוויסט וואס די רבי וויל פון אים,

האט דער צדיק געשיקט א איש מכובד און געזאגט, אז ער זאל דעם בחור זאגן, אז די רבי וויל מיט אים רעדן איניגע ווערטער, אויף דעם האט שוין דער בחור מסכים געווען, און ער האט צו געזאגט אז ער וועט קומען צום צדיק, עס איז געווען די זמן צו דאוונען שחרית, און דער בחור איז נאכנישט דא, האט דער צדיק געהייסן פאר די חסידים, אז זיי זאלן גיין דאווענען און ער וועט שוין דאווענען שפעטער ביחידות,

ענדליך איז דער בחור אריין געקומען, און דער צדיק האט אים שיין אויף גענומען מיט א שלום עליכם, און אים געזאגט, מיין קינד איך וויל דיר עפעס פרעגן, אבער אזוי ווי איך האב נאכנישט געדאווענט, און עס איז שוין גאר שפעט, בעט איך דיר זעץ זיך אוועק אויפן באנק, און ווארט ביז נאכן דאווענען, און נאכדעם וועל איך דיר פרעגן, דער בחור האט מסכים געווען, און זיך געזעצט אויפן באנק ביי די מזרח וואנט פונעם ביהמ"ד,

דער צדיק האט אן געהויבען דאווענען אויפן קול פון אנפאנג ביז נאך עלינו, דער בחור האט זיך צוגעהערט צום גאנצען דאווענען, און מיט יעדע ווארט וואס איז ארויס פונעם צדיק'ס מויל, האט דאס אויפגעשאקעלט דעם בחור און אים צונימען אויף שטיקער,

נאכן דאווענען האט אים דער צדיק געפרעגט א קורצע שאלה, "וואס טראכסטו מיין קינד", האט דער בחור געענטפערט, איך טראכט צו בלייבן דא, איך גיי פון דא נישט אוועק, דער צדיק האט זיך אנגערופען, "א ברכה אויף דיין קאפ, זיי דא מיין קינד", און דער בחור איז שוין פארבליבן דארט ביים רבין, און געווען פון די נאנטע מענטשן ביים צדיק און געבליבן א ערליכע איד, און דאס איז געשען נאר מיטן זיין אין שוהל ביים דאווענען פון דעם הייליגען צדיק וקדוש דער בית אהרן זי"ע,

ווי באוויסט האט דער הייליגער בית אהרן מקארלין זי"ע נישט גערעדט קיין דברי חול בעפאר ברכות התורה אינדערפרי, וואס באמת האט דער צדיק בכלל נישט גערעדט קיין דברי חול זיין גאנץ לעבן, וויבאלד יעדעס ווארט וואס דער צדיק האט גערעדט איז געווען מיט גרויסע יחודים,

דערפאר ווען ער האט זיך דערמאנט עפעס וואס ער האט געוואלט רעדן, און עס איז געווען בעפאר ברכות התורה, האט דער צדיק פארקניפט זיין האנטיך וואס איז געלעגן נעבן אים, כדי ער זאל זיך דערמאנען נאך ברכות התורה,

איינמאל איז דער צדיק געווען אין שטאט לאהישין, און ער איז איין געשטאנען אין שטוב פון הרה"ג החסיד רבי יו"ט שמחה ע"ה, און דער צדיק האט געהאט עפעס גאר וויכטיג צו רעדן מיטן בעל אכסניא, אבער ער האט געהאלטן בעפאר ברכות התורה, האט דער צדיק אזוי ווי זיין מנהג געוויזן דעם פארבינדען האנטיך פארן בעל אכסניא, ווי צו זאגן מיר ברויכן שפעטער רעדן,

שפעטער נאך ברכות התורה האט דער צדיק געזאגט פאר דעם בעל אכסניא, "מיר האבן דיך אויס געקוקט, מיר האבן דיר געוואלט עפעס זאגן, נאר מיר האבן געהאלטן פאר ברכות התורה, און דער טאטע האט נישט גערעדט בעפאר ברכות התורה, הגם דער טאטע האט טאקע נישט געטארט רעדן, ווייל אלע זיינע רייד זענען געווען דברי תורה, און בעפאר ברכות התורה טאר מען נישט רעדן קיין דברי תורה, און ווי קענען מיר זיך פארגלייכן צו דעם טאטן, נאר ווי באלד דער טאטע האט נישט גערעדט, רעדן מיר אויך נישט",

דער הייליגער בית אהרן זי"ע איז אמאל געווען אויפן וועג, און איז איין געשטאנען ביי א קרעטשמע אינעם דערפל, די קרעטשמע האט געפירט א אלמנה מיט איר זוהן, וואס זיי האבן פון דעם קרעטשמע געצויגן פרנסה, די אלמנה האט גלייך געזען אויף דעם איד אז ער איז א גאר געהויבענע איד, אבער זי האט נישט געוויסט ווער ער איז, אבער זי האט מכבד געווען דעם רבין מיט די שענסטע שטוב וואס זי האט פארמאגט, און מכבד געווען מיט אלעם ארום, און דאס אלעס האט זי געטון בחינם אן וועלן נעמען א פרוטה פונעם צדיק,

ווען דער הייליגער בית אהרן האט געהאלטן ביים אוועק גיין, האט ער איר געזאגט אז זי קען בעטן וואס זי וויל, און ער וועט בעז"ה ממלא זיין איר בקשה, האט די פרוי אנגעהויבן זייער וויינען און געזאגט, אז דער פריץ דא איז א גרויסע רשע און ער מאכט איר אן צרות צרורות כסדר, און זי האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל איר ווינטשען א ישועה, האט דער הייליגער בית אהרן געהייסן פאר די פרוי אז די קומענדיגע ערב שבת, זאל זי צינדען אן עקסטערע ליכט לכבוד שבת קודש, און ווען דער ליכט וועט אויסברענען, וועט דער רשע האבן א מפלה, און דער צדיק איז זיך געגאנגען אויפן וועג,

יענעם ערב שבת האט די פרוי מקיים געווען וואס דער צדיק האט געהייסן, און געצינדען אן עקסטערע ליכט, און געווארט צו זען וואס עס וועט געשען, זיי האבן מקבל

שבת געוועזן און זיך געזעצט צו די סעודה, און זיי האבן געווארט אז די ליכט זאל אויסגיין,

פלוצלונג הערן זיי א געשריי פון אינדרויסן, זיי לויפן ארויס און זיי זעהן דעם פריץ ליגן אויף דער ערד צוקלאפט און צובייילט, זיי פרעגן איינעם וואס איז געשען, האט מען זיי דערציילט, אז דער פריץ איז געפארן אין זיין וואגן, און עס האט זיך פלוצלונג איבערגעקערט, און ביז עטליכע מינוט האט דער פריץ גע'פגר'ט, ווען זיי זענען אריין געקומען אין שטוב האבן זיי געזען אז דאס ליכטל האט זיך שוין פארלאשען.

הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקוזניץ זי"ע, וואס איז געווארן אויף געצויגען ביים הייליגען בית אהרן זי"ע, פלעגט פארציילן אסאך מופתים וואס דער הייליגער בית אהרן זי"ע האט געפראוועט זייענדיג אונטערוועגס,

איינמאל איז דער צדיק געוועזן אונעם שטאט קעשינוב, און דער צדיק האט זיך געגרייט אוועק צו פארן, איז געקומען א פרוי און זיך געווארפן פארענט פון די פערד און געזאגט, אז זי גייט נישט אוועק נאר אויב דער צדיק וועט איר העלפן,

און זי פארציילט, אז שוין דריי חדשים וואס זי איז אן עגונה, איר מאן איז פארשווינדען געווארן אן איבערלאזן קיין שפירן, דער הייליגער בית אהרן האט זיך קודם געבייזערט אויף איר און געפרעגט, פארוואס פארלייגט איר זיך אויף מיר, און געבעטן אז זי זאל אים לאזן פארן ווייטער, די פרוי האט זיך אבער נישט גערירט און ווייטער געבליבן ליגן פארנט פון די פערד,

דאן האט דער צדיק א פרעג געטאן, געפינט זיך דא אין שטאט א מעבל סטאלער (א בעל מלכה פון מעבל און האלץ), האט מען געזאגט אז יא, עס איז דא אין שטאט א אידישע מעבל סטאלער, האט דער בית אהרן באפוילן, אז מען זאל אים אהערברענגען,

און ווען דער סטאלער איז אנגעקומען, איז דער בית אהרן אראפגעגאנגען פונעם וואגן און איז אריינגעגאנגען מיט אים אין א שטוב און זיך אריין געלאזט אין א שמועס מיט אים, דער בית אהרן האט ארום גערעדט וועגן זיין וואגן און דורך גערעדט לגבי זיין ארבעט, און אזוי אינמיטן שמועס האט דער בית אהרן א פרעג געטאן דעם סטאלער, "אפשר ווייסטו וואס די פרוי דא אינדרויסן וויל פון מיר האבן",

דער סטאלער האט זיך געמאכט ווי פארוואונדערט און געזאגט, פון ווי זאל איך וויסן, האט דער הייליגער בית אהרן אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און א שריי געגעבן "זיי זיך מודה", דער סטאלער האט זיך זייער דערשראקן, און האט באלד מודה געוועזן, אז ער מיט נאך א באנדע רוצחים האבן אומגעברענגט דעם מאן פון די פרוי, און ער האט ארויסגעגעבן דעם פלאץ ווי זיי האבן באגראבן דעם קערפער פון דעם מאן, מען איז טאקע געגאנגען זוכן און מען האט טאקע געטראפן דעם קערפער, און די פרוי איז דורך דעם באפרייט געווארן פון זיין אן עגונה איר גאנץ לעבן.

מען דערציילט א מעשה, אז איינמאל האט אויס געבראכן א שרעקליכע פייער אין שטאט קארלין, דער צדיק דער בית אהרן זי"ע האט דאן געהאלטן אינמיטן זיין עבודת התפילה, ווען דער צדיק דער בית אהרן האט געהערט אז עס ברענט א פייער אין שטאט, האט דער צדיק איבער געלאזט זיינע חסידים אין שוהל דאווענען ווייטער, און דער צדיק איז ארויס אויף די גאס, און דער צדיק האט זיך אזוי אום געקוקט אויפן פייער, לפלא האט זיך דאס פייער גלייך פארלאשן,

הרה"ח רבי חיים מענדל ע"ה האט דערציילט, אז איינמאל האט אויס געבראכן א שרעקליכע פייער ממש נעבן דעם שטוב פונעם הייליגען בית אהרן, דער עולם דארט אין שטאט איז געוועזן פארנומען מיטן אויסלעשן דעם פייער, האט דער צדיק געבעטן אז מען זאל אים ברענגען א שטיקל מזונות, ווייל ער שפירט א חולשה אין הארץ, און דער צדיק האט גענומען דעם מזונות אין די האנט און דאס אזוי געהאלטן,

לפלא האט זיך דאס פייער גלייך פארלאשן, און דאן האט דער צדיק אראפ געלייגט דעם מזונות פון די האנט, עס איז געוועזן א וואונדער פארן חסיד, דער צדיק האט דאך געזאגט אז ער ברויך עס ווייל ער שפירט א שוואכקייט אין הארץ, אבער דא עסט דער צדיק דאס נישט אויף, האט דער חסיד טועם געוועזן פונעם מזונות, און ער האט געזאגט, אז די מזונות האט געהאט א טעם פון ערד, ויהי לפלא,

איין יאר יו"ט שבועות איז דער צדיק דער הייליגער בית אהרן זי"ע אריין געקומען אין שוהל און געזאגט בזה"ל, "אויב איז דא קוילין איז דא גוט פייער", און דאן האט דער צדיק אויס געריפן בקול גדול, "פאז'אר גיט פייער", און דער עולם איז אריין און א געוואלדיגע התלהבות,

און מען האט געדאוונט העכער ווי געווענליך, נאכן דאווענען האט דער הייליגער בית אהרן זי"ע געזאגט בזה"ל, "איר האט היינט געשטיגען בשבעים וחמש אחוז יותר מאתמול", און דאס איז געווען דעם ערשטן טאג שבועות וואס איז געווען א טאג נאך שבת קודש.

איינמאל איז דער צדיק דער הייליגער בית אהרן זי"ע געווען אין שטאט הורודע'ץ, און ביים דאווענען זענען געקומען צוויי מתנגדים צו הערן ווי אזוי דער צדיק דאוונט, אינמיטן דאווענען האט איינע פון די מתנגדים געלאזט טרערן, ווען די צוויי זענען ארויס האט דער אנדערער געפרעגט פונעם חבר, וואס זענען געווען די טרערן וואס איר האט געלאזט ביים דאווענען.

האט דער מתנגד געזאגט פארן חבר, יארן צוריק בין איך געווען שטארק קראנק און געווען זייער מסוכן, האט זיך מיר גע'חלום'ט ווי מען פירט מיך צום בית דין של מעלה, און מען פרעגט מיך, האסטו געלערנט, האב איך געזאגט אז יא, פרעגט מען האסטו געדאווענט, זאג איך יא, האט די בית דין של מעלה מיר געבעטן צו ווייזן ווי אזוי איך האב געדאווענט.

אבער זיי האבן גלייך געזאגט, "נישט אזוי הייסט געדאווענט", און מען האט מיר געוויזן א איד וואס דאווענט, און מען האט מיר געזאגט, זעסטו אזוי ברויך מען דאווענען, ענדיגט דער מתנגד צו, יעצט ביים הערן ווי אזוי דער בית אהרן דאווענט, האב איך געזען דאס דאווענען וואס מען האט מיר געוויזן בעולם העליון ביים בית דין של מעלה, און דערפאר האבן איך געוויינט.

איינמאל האט א קאצקע חסיד געפרעגט דעם הייליגען בית אהרן זי"ע, פארוואס שרייט די רבי אזוי ביים דאווענען, איז דען נישט בעסער צו דאווענען בנוחתא און מיט א ראויגקייט אנשטאט מאכן אזאנע קולות, האט דער הייליגער בית אהרן זי"ע געגעבן א שטארקע קניפ אינעם בעקל פון דעם חסיד, און דער חסיד האט א שריי געגעבן, פרעגט אים דער בית אהרן זי"ע, פארוואס האט איר יעצט געשריגען, זאגט דער חסיד, ווייל עס האט מיר וויי געטון דעם קניפ, זאגט דער בית אהרן, "מיר שרייען אויך ווייל עס טוט אונז וויי".

א קארלינער חסיד פון ארץ ישראל, וואס איז געווען ביים רבי'ן דער הייליגער בית אהרן מקארלין זי"ע, און האט נישט באקומען א שטיק צייט קיין בריון פון זיין טאטן, האט ער געטראכט ביי זיך, אז מן הסתם איז דער טאטע שוין נפטר געווארן, און האט געטראכט ביי זיך א סימן אז ער וועט אריינגיין אין בית המדרש, אויב דער רבי וועט אים צושיקן צום עמוד, איז דאס א סימן אז זיין טאטע לעבט שוין נישט.

און אזוי איז טאקע געווען, ער איז אריין אין בית המדרש, און דער רבי האט אים צו געשיקט צום עמוד, און ער איז אוועק געפאלן חלשות, ווען ער איז געקומען צו זיך, האט אים דער רבי געפרעגט וועגן זיין חלשות, האט ער דערציילט, אז ער האט נישט באקומען פון זיין טאטן א בריוו שוין א לאנגע צייט, און אויב דער רבי האט אים צו געשיקט צום עמוד, איז דאס א סימן אז זיין טאטע לעבט שוין נישט.

דער רבי נעמט זיך טראכטן און פאר'דביקות'ט זיך א שטיק צייט, און זאגט צו דעם חסיד, "איך זעה דיין טאטן ווי ער גייט יעצט צום כותל המערבי!" דער רבי האט אים דאן אפילו אויסגע'משל'ט וועלכן קאפטן דער טאטע גייט אנגעטוען, דער חסיד איז געווארן בארואיגט, און ווען ער איז צוריק געקומען קיין ארץ ישראל האט ער דערציילט פאר'ן טאטן וואס איז געווען ביים רבי'ן, און דער טאטע האט געזאגט, אז טאקע פונקט דעמאלט איז ער געגאנגען צום כותל און טאקע מיט יענעם קאפטן.

אין די שטאט טבריה ווי עס האבן געוואוינט אסאך חסידים פונעם הייליגען בית אהרן מקארלין זי"ע, האבן אויך געוואוינט צוויי שוחטים וואס זענען געווען גרויסע חסידים פון הייליגן בית אהרן, איינמאל האט זיך געמאכט א סכסוך וועגן געלט זאכן, און דאס האט גורם געווען א שטארקע פירוד צווישן זיי, אזוי האט זיך עס געצויגן עטליכע טעג, און עס ווערט נישט שלום.

איין נאכט חלומ'ט זיך איינער פון די שוחטים, אז דער רבי דער הייליגער בית אהרן קומט צו אים און פרעגט, "נו, וואס איז דאס", האט ער געטראכט אז עס איז נאר א חלום, אבער פלוצלונג הערט ער קלאפן אויפן טיר פון זיין שטוב אינמיטן די נאכט, ווען ער פרעגט ווער איז דארט, ענטפערט מען, דער שוחט!, ווען ער עפנט די טיר און דערזעט אז זיין חבר דער שוחט איז געקומען, פרעגט ער, "פארוואס קומסטו אינמיטן די נאכט", האט ער אים געזאגט, אז דער רבי איז געקומען צו אים אין חלום און ער האט אים געפרעגט: "נו, וואס איז דאס".

זאגט דער אנדערע שוחט, איך האב גלייך מקבל געווען, אז איך וויל נישט מצער זיין דער רבי'ן, און איך וועל גיין

דיך מפייס זיין אפילו אינמיטן די נאכט, דער חבר איז דאך אויך געווען א חסיד פון הייליגן בית אהרן זי"ע, און האט דא געזען ווי שטארק דער רבי האלט אן אויג און השגחה אויף זיינע מענטשן, אז עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת, האט ער זיך אויך איבער געבעטן און אזוי איז געווארן שלום ושלוה!.

דער הייליגער בית אהרן זי"ע פלעגט אסאך ארומפארן פון איין ארט צום צווייטן, כדי מעורר צו זיין אנשי שלומו און אנדערע אידן לעבודת השי"ת, אמאל אין א ליל ששי האט זיך געמאכט, אז ער האט נישט געוואוסט וואו ער קען איינשטיין אויף שבת קודש, איז ער אריין געפארן אין א שטעטל און געפרעגט וואו ער קען איינשטיין, האט מען אים אנגעוויזן אויף א געוויסע אכסניא, פון א גרויסן חסיד פונעם צדיק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, אז דארט קען ער האבן א געהעריגע אכסניא,

מען האט געשיקט צו יענעם שטוב פרעגן צי דער בית אהרן קען דארט זיין אויף שבת, און די פרוי אין שטוב האט מסכים געווען בשמחה רבה, האט דער בית אהרן געשיקט פרעגן, צי זיי האבן שוין פיש אויף שבת, האט מען געענטפערט, אז יא, און די פרוי די בעלת הבית האט דערנאך דערציילט ווי אזוי דער פיש איז אנגעקומען צו איר,

א געוויסער גוי א פישער–מאן האט געכאפט גאר א גרויסן פיש, און האט עס געזיכט צו פארקויפן, ער האט דערפאר געבעטן גאר א גרויסן סכום, צען זהובים, וואס קיינער האט נישט געוואלט באצאלן, קיינער האט נישט געדארפט אזא גרויסן פיש, האט מען געזאגט פאר'ן פיש–כאפער, אז ער זאל גיין צו די פרוי, אפשר וועט זי עס יא אפקויפן,

אבער ווען ער האט אנגעטראגן דעם פיש פאר איר, האט זי זיך אפ געזאגט פון באצאלן אזא גרויסן סכום, ווייל עס פעלט איר נישט אויס אזא ריזיגן טייערן פיש, האט דער גוי געסטראשעט אז ער וועט פארקויפן דעם פיש פאר'ן גלח פון די שטאט, אבער זי האט נאך אלץ נישט געוואלט באצאלן מער ווי צוויי זהובים, וואס דאס איז געווען פאר איר גענוג אויף וויפיל פיש זי דארף,

אזוי שטייענדיג נעבן דעם גרויסן פיש, האט דער פיש מיט אמאל אויף געמאכט זיין מויל און אריין געכאפט איר האנט אין זיין מויל, די פרוי האט גלייך פארשטאנען אז דער פיש בעט זיך אז מען זאל אים אפקויפן לכבוד שבת קודש, און זי האט גלייך א זאג געגעבן פארן פיש, "גוט, איך קויף דיך אפ לכבוד שבת קודש", דעמאלט האט דער פיש אויף געמאכט זיין מויל און איר אפגעלאזט,

זי האט טאקע באצאלט דעם גרויסן פרייז פאר'ן גרויסן פיש, און די בעלת הבית האט געוויזן דעם פיש פאר'ן בית אהרן, דער רבי דער בית אהרן האט אנגעקוקט דעם פיש און עס באטאפט, און געזאגט בזה"ל, "דאס איז א גוטער פיש אויף שבת, און דא וועלן מיר בלייבן שבת, און פון דעם פיש וועלן מיר עסן שבת".

א פרוי וואס האט לײדער יארן לאנג נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, איז זי געקומען און זיך מזכיר געווען ביים צדיק דער בית אהרן זי"ע, אזוי שטייענדיג דארט ביים צדיק איז אריין געקומען א איד, און ער רעדט זיך אויס צום צדיק, אז ער ברויך געלט, ווייל ער איז שוין אויף די עלטערע יארן, ביז יעצט האט ער געארבעט אלס וואסער שעפער און געטראגן מיט די אקסל, אבער יעצט אויף די עלטערער יארן אויב וויל ער ווייטער דאס טון, ברויך ער א גוטע פערד און וואגן צו קענען ווייטער טראגן דאס וואסער,

ווען דער צדיק האט געהערט דעם בקשה פון דעם איד, האט ער געפרעגט דעם איד וויפיל געלט ער ברויך האבן, האט דער איד געזאגט דעם סכום פארן צדיק, האט זיך דער צדיק געקערט צו די פרוי און זאגט איר, געב דעם איד דאס גאנצע סכום וואס ער ברויך, און אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין צו קינדער, און דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "פריער האט ער געטראגן, און פון איצטער וועסטו טראגן, און ער וועט פירן",

די פרוי האט דעם איד געגעבן דעם סכום, און פארשטייט זיך אז די ברכה פונעם צדיק איז מקיים געווארן, און די פרוי האט זוכה געווען צו אפאר קינדער,

הרה"ח ר' אליעזר סופר ז"ל, א פייערדיגער חסיד פון סטאלין איז ל"ע קראנק געווארן און געלעגן א האלב יאר אין בעט, ער איז געווען זייער שוואך און אויסגעדארט, אז ער האט נישט געקענט רוקן אפילו זיינע הענט און פיס, דעמאלט האט דער בית אהרן געפירט זיין הייליגן הויף אין קארלין, היינט א שעה פון סטאלין, און אויף יו"ט שבועות איז דער עולם שוין געפארן א פאר טעג פריער, כדי צו הערן דעם לעצטן ספירה ציילן פונעם הייליגן בית אהרן,

די חסידים זענען געקומען זיך געזעגענען פון ר׳ אליעזר, און מען האט געטרינקען לחיים צוזאמען, און מ׳האט אים געבענטשט צוזאגנדיג אז מ׳וועט אים מזכיר זיין ביים רבי׳ן, אבער ווען די חסידים זענען ארויסגעפארן פון זיין הויז, האט אים אנגעכאפט א ברען צו פארן צום הייליגן בית אהרן זאגן, "א גוט יום טוב", און ער האט געזאגט פאר זיין ווייב אז ער וויל אויך פארן, און אויב זי וויל ער זאל לעבן, זאל זי מסכים זיין און נישט מעכב זיין.

זיין ווייב האט אנגעהויבן צו וויינען, "ווי אזוי קענסטו דאס טוען, דו ביסט דאך קראנק, און עס איז פאר דיר א סכנה צו פארן", אבער ער האלט זיך ביי זיינ׳ס, און האט איר געזאגט אז ער מוז גיין, איז זי געגאנגען זיך באקלאגן פאר החסיד ר׳ משה׳לי מסטאלין, וואס זיין מאמע איז געווען א שוועסטער צום רבי׳ן, א זקן ונכבד, האט ער געזאגט אז ער זאל גיין, ווייל אויב נישט, וועט דאס זיין ממש סכנות נפשות.

איז זי געגאנגען צו איר טאטן הרה"ח ר׳ מיכל, וואס האט געוואוינט אין סטאלין, האט איר טאטע מייעץ געווען אז מ׳זאל דינגען א וואגן און מען זאל לייגן קישענעס און דאכענעס, און אויף דעם זאל מען לייגן ר׳ אליעזר, און ווען מ׳וועט אנקומען אין קארלין, וועט מען אים אריינלייגן ביי זיין טאטן ר׳ דוד זאב אין שטוב, וואס האט דארט געוואוינט, און אזוי וועט ער זיך קענען אפריען,

ר׳ אליעזר איז געווען א חכם, ער האט זיך מיישב געווען מיט צו נעמען בראנפן, און כסדר געבן דעם בעל עגלה צו טרינקען, אז ער זאל אים צו זאגן, אריין צו פירן אין "חצר הקודש" אין קארלין, און נישט צום שטוב פון זיין טאטן, וואס ער וועט זיכער גוזר זיין אויף אים אז ער זאל בלייבן דארטן אין בעט, און ער וועט נישט קענען נעמען שלום פון רבי׳ן,

דער בעל עגלה האט אזוי געטוען, און ווען מען איז אנגעקומען צום שטוב פונעם בית אהרן זי"ע, האבן די חסידים געהאלפן ארויס נעמען ר׳ אליעזר פון וואגן, אריין אין הויף פון שול, און ער איז דארט געלעגן ביז דער רבי וועט ארויסגיין, ווען דער רבי איז ארויס געגאנגען אפ צו נעמען "שלום" פונעם עולם, האט מען אים דערציילט אז ר׳ אליעזר סופר פון סטאלין איז דא, אבער ער איז שטארק קראנק און שוואך, דער רבי האט זיי גארנישט געענטפערט, ער האט אבער געגעבן "שלום" פאר ר׳ אליעזר און אים גוט אנגעקוקט און געזען זיין מצב, אבער ער האט אים גארנישט געזאגט,

ביינאכט נאכ׳ן דאווענען מנחה מעריב, האט דער רבי געציילט ספירה פון די לעצטע נאכט, ווען ר׳ אליעזר האט געהערט דעם קול פונעם רבינ׳ס ספירה ציילן, האט דאס אריין געברענגט אין זיינע ביינער א פריש חיות, א פרישקייט און א געשמאק, און ער האט געזאגט, "פאר דעם אליין האט זיך שוין געלוינט די גאנצע טירחא צו קומען".

ערב יום טוב, איז דער רבי געגאנגען דאווענען, ווען רבי אליעזר האט געהערט דעם קול פונעם רבינ׳ס דאווענען האט ער זיך מורא׳דיג געפרייט, דאס זעלבע זאך האט זיך אפ געשפילט יום טוב בייטאג, ווען דעם רבינ׳ס דאווענען און "אקדמות" און קריאת התורה האט געשאפן א געוואלדיגע הנאה פאר ר׳ אליעזר, און ער האט געגעבן א שבח והודי׳ צו השי"ת, אז ער האט צו דעם אלעם זוכה געווען, נאכ׳ן דאווענען האט דער רבי געמאכט קידוש, און דער רבי איז זיך געגאנגען אביסל אפרוען, און מ׳האט דערווייל געטיילט פאר די חסידים קליינע חלות און שווארצע ברויט מיט זאלץ,

אינצווישן איז דער רבי ארויס פון זיין שטוב און זיך אוועק געשטעלט ביי די טיר, און געלייגט די הענט אויף ביידע שוועלן, און גיבט א קוק אויפ׳ן עולם, ווען דער רבי האט געזען אנגעגרייט די שווארצע ברויט מיט די זאלץ, האט ער זיך אנגערופן, "קינדערלעך, עסט פון אונזער ברויט און זאלץ, ווער עס דארף א רפואה וועט האבן א רפואה, ווער עס דארף א ישועה וועט האבן א ישועה!", און דער רבי האט דערנאך דערמאנט נאך בקשות, און אלעמען געבענטשט אז מ׳זאל געהאלפן ווערן, און דער רבי איז דאן צוריק אריין אין זיין שטוב,

ווען ר׳ אליעזר האט דאס געהערט, האט ער זיך געשטארקט און איז געקראכן מיט די הענט און פיס צום טיש, און ער האט גענומען א שטיקל ברויט און זאלץ, זאגנדיג, אז אפילו די שווארצע ברויט איז גאר שווער פאר זיין קרענק, אבער ער גלייבט באמונה שלימה אינעם הייליגן צדיק׳ס ווערטער, אז ער וועט געהאלפן ווערן דורך די ברויט, און האבן א גאנצע רפואה,

צום גרויס וואונדער, נאכ׳ן עסן אביסל ברויט איינגעטונקען אין זאלץ, הייבט ר׳ אליעזר אן צו פילן ווי זיינע כוחות קומען צוריק, און אז זיין קרענק ווערט אויס געהיילט, צומארגנס, דעם צווייטן טאג יום טוב, איז שוין ר׳ אליעזר געזעסן ביי די סעודה, און געגעסן בשר ודגים וכל מטעמים כאחד האדם!, אלעס נאר פון א ווארט פונעם הייליגן בית אהרן מקארלין זי"ע.

נאך יו"ט האט מען זיך געזעגנט פון רבי'ן, און די חסידים האבן דאך נישט געהאט קיין געלט צו דינגען א וואגן, זענען זיי געגאנגען צו פיס אהיים פון קארלין ביז סטאלין, ווען צווישן זיי גייט אונזער ר' אליעזר, געזונט און פריש, דער ר' אליעזר סופר איז געווארן אינגאנצן געזונט, און נאכ'ן הסתלקות פון אלטן רבי'ן, איז ער געפארן קיין ארץ ישראל, און איז נסתלק געווארן י"א כסלו בשנת תרנ"ז, ומנו"כ בהר הזיתים, ער האט זוכה געווען צו צוויי זון, הרה"ח ר' משה סופר, און הרה"ח ר' אפרים סופר, וואס זענען געווען פון די אריות שבחבורה אין ירושלים.

עס האט פאסירט אמאל, אז א מתנגד איז אריינגעקומען בשעת דער הייליגער בית אהרן זי"ע האט געפירט טיש, און דער מתנגד האט מיט גרויס חוצפה און עזות פארשעמט דעם רבי'ן, די חסידים האבן זיך געוואלט אננעמען פאר'ן רבי'ן, אבער דער רבי האט געגעבן א שטרענגן באפעל און געזאגט, "איך אסר אויף אייך אים אנצורירן, מען זאל אים גארנישט טוען, און ווער עס וועט אים עפעס טוען, וועט נישט האבן קיין מנוחה בעולם הזה ובעולם הבא".

אבער דאס איז נישט געווען גענוג פאר'ן צדיק וקדוש דער בית אהרן זי"ע, וואס צו זיין אמתע אהבת ישראל איז נישט געווען קיין שיעור, נאר ער איז אריין אין זיין צימער, און אריין געלייגט געלט אין די פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, און געבעטן ביים אויבערשטן אז דער מתנגד זאל ח"ו נישט באשטראפט ווערן וועגן אים, אזוי שטארק האט דער צדיק ליב געהאט יעדן איד, און אפילו אויף זיינע מתנגדים האט ער נאר געוואונטשן ברכות און גוטס.

הרה"ח ר' יונה לאפטיצקי ע"ה איז געפארן צום הייליגן בית אהרן זי"ע אויף פסח קיין קארלין, נאך פסח, ביים זיך געזעגענען, האט דער הייליגער בית אהרן געזאגט פאר ר' יונה, אז ווען ער קומט קיין קיעוו זאל ער איבערגעבן א גרוס פאר א חסיד, און אים זאגן אז ער האט געלייענט זיין קוויטל ערב פסח, ר' יונה האט געפאלגט דעם רבי'ן און איבער געגעבן דעם גרוס פאר יענעם חסיד,

ווען דער חסיד האט געהערט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, איז ער שטארק נתרגש געווארן, און אנגעהויבן טאנצן פאר שמחה, ר' יונה האט געמיינט אז דער חסיד האט געשיקט זיין קוויטל צום רבי'ן, און דער רבי האט דאס געלייענט ערב פסח, און צוליב דעם איז ער בשמחה, אבער דער חסיד זאגט צו ר' יונה, קומט אריין און לאמיר טרינקען א לחיים, און ביים לחיים זאגט דער חסיד צו ר' יונה, איך וועל דיר דערציילן די מעשה,

ווען איך בין געווען דאס לעצטע מאל ביים רבי'ן, האב איך אים געפרעגט ביים געזעגענען, "וואס זאל איך טוען ווען איך וועל האבן אן ערנסטן פראבלעם און איך וועל נישט קענען דערגרייכן דעם רבי'ן", האט אים דער רבי געענטפערט, נישט געפערליך, אויב עס וועט ביי דיר געשען עפעס א חולה, זאלסטו שרייבן א קוויטל און לייגן דעם קוויטל אונטער'ן קישן פון חולה, און דו וועסט האבן א ישועה,

א שטיק צייט שפעטער איז זיין טאכטער ל"ע געווארן קראנק, און ביז אפאר טעג האט זיך דער מצב גאר שטארק פארערגערט, א אידישער דאקטאר האט אים געשטיפט און געזאגט, יעצט איז די צייט מתפלל צו זיין, און ער האט שטארק מתפלל געווען, אבער דער חסיד האט זיך דאן דערמאנט וואס דער רבי האט אים אנגעזאגט, און דער חסיד האט זיך גענומען שרייבן א קוויטל, און האט געלייגט דאס קוויטל אונטער'ן קישן פון זיין טאכטער,

עס האט געדויערט בלויז עטליכע מינוט, און דער מצב האט זיך אנגעהויבן צו פארבעסערן, און ביז פסח איז זי שוין געגאנגען אויף אירע אייגענע פיס, דער דאקטאר איז געווען געטריי און איז געקומען יעדן טאג זען וואס דאס מיידל טוט, און האט געזאגט מיט רגש, "דאס מיידל האט לעבן, עס איז געשען א מהפכה דא", דאס איז אלעס געשען ערב פסח ווען דער רבי האט געלייענט ערב פסח זיין קוויטל וואס איז געלעגן אין קיעוו, און דאס געלייענט אין קארלין,

הגה"צ רבי נטע פריינד זי"ע האט געזאגט, אז ער האט אמאל געהערט פון הרה"ח רבי חיים מענדל ז"ל וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגן בית אהרן זי"ע, אז אלס קינד איז ער געווען זייער נישט געזונט און געליטן גרויסע יסורים, זיין טאטע איז כסדר געגאנגען מזכיר זיין דעם קינד צו זיין רבי'ן דער בית אהרן זי"ע, אז ער זאל דעם קינד בענטשן מיט א ישועה,

איין יומא דפגרא איז דער טאטע געווען ביים טיש פונעם בית אהרן זי"ע, און ער האט געהאט מיט זיך דעם קינד חיים מענדל, האט די טאטע אויף געהויבן דעם קינד אז ער זאל א קוק געבן אויפן צדיק, און דער קינד האט

געוויזן לחיים פארן רבין, האט זיך דער הייליגער צדיק וקדוש דער בית אהרן זי"ע אנגערופן בזה"ל, "זיי שוין געזונט און לאז מיך שוין צורוה", לפלא פון דאן איז דער קינד חיים מענדל געזונט געווארן, און געווען א גיבור עצום און מעריך ימים געווען.

די טאכטער פון הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זי"ע דער איידעם פונעם בית אהרן פון קארלין, האט זיך געפירט אלע אירע יארן, אן צו טון אלע אירע צירונג איידער זי פלעגט גיין אנצינדן די שבת לעכט, כדי אויף צונעמען דעם חשובע גאסט "שבת מלכתא" מיט א עהרע און חשיבות, און שפעטער זיי אויס טוען, און זי האט זיך אזוי געפירט אפילו ווען זי פלעגט פארן אונטערוועגנס, זי איז די צירונג נישט געגאנגען אנגעטוען די גאנצע צייט אויפן וועג, אבער זי האט עס מיט גענומען ביי זיך, נאר כדי דאס אנצוטוען ביים אנצינדן די שבת-לעכט.

אמאל האט די חשובע רעבעצין אן געצינדן די לעכט און נישט אנגעטוען די צירונג, איז דאס געווען א וואונדער ביי די קינדער, ווייל זי האט אויף דעם שטארק מקפיד געווען, ווען מען האט איר געפרעגט אויף די סיבה דערפון, האט זי בשום אופן נישט געוואלט דערציילן.

עס איז אזוי אריבער עטליכע חדשים און זי האט אליין געצינדן די ליכט אן די צירונג, און נישט געוואלט דערציילן די סיבה פארוואס זי צינדט אן די צירונג, א צייט שפעטער איז זי געקומען צום לעכט צינדן צוריק מיט אלע אירע צירונג, יעצט האט זי שוין מער נישט געקענט זיך נישט וויסנדיג מאכן, און געמוזט ענטפערן די פראגעס פון אירע קינדער וואס דא איז פאר געגאנגען.

האט זי דערציילט אזוי, "עס איז צו מיר געקומען א איד אן ארעמאן, וואס האט זיך פאר מיר אויס גערעדט דאס הארץ, אז עס מאכט זיך אים צו עפענען א געשעפט און ער קען באקומען א הלוואה דערויף, אבער דער וואס וויל אים לייען וויל האבן א "משכון" אדער אן ערב אויף די הלוואה, און דאס האט ער נישט, קיינער וויל נישט זיין פאר אים קיין ערב, און קיין משכון האט ער אויך נישט, האב איך גענומען אלע מיינע צירונג און אים אוועק געגעבן, ער זאל האבן פאר א משכון,

היינט האט דער איד אפגעצאלט זיין חוב, און ער האט צוריק באקומען דעם משכון, האב איך שוין צוריק מיינע צירונג און איך קען ווידער איינהאלטן מיין מנהג, האבן די קינדער געפרעגט, פארוואס האסטו ביז יעצט אונז נישט געוואלט דערציילן ווען מיר האבן דיך געפרעגט וואס איז געשען מיט די צירונג, האט זיך די צדיקת אנגערופן צו זיי, איר ווייסט דאך וואס דער זיידע דער הייליגער בית אהרן זי"ע האט אונז געלערנט, "אז א שטראף איז, ווען לייט ווייסן אז מען טוט א גוטע זאך".

ווי עס איז באוויסט האט דער הייליגער צדיק דער בית אהרן מקארלין זי"ע זיך געלאזט שרייבן א ספר תורה, און ווען מען האט געענדיגט דעם ספר תורה, איז דער צדיק געווען אין א געוואלדיגע שמחה, האט דער צדיק געוואלט זאגן דעם ברכה פון שהחיינו אויפן ספר תורה, האט ער אנגעפרעגט דעם גאון הגה"ק רבי מרדכי פינסקער זי"ע וואס איז געווען פון די גדולי פוסקים בדורו, אויב מען קען מאכן דעם ברכה פון שהחיינו אויפן ספר תורה,

דער גאון רבי מרדכי פינסקער זי"ע האט גע'פסק'נט אז דער צדיק קען מאכן די ברכה שהחיינו אויפן ספר תורה, און דער צדיק דער בית אהרן זי"ע האט געמאכט דעם ברכה מיט א געוואלדיגע שמחה און התלהבות דקדושה העצומה,

ווען ער האט געענדיגט מאכן דעם ברכה, האט ער געפרעגט דעם רבי מרדכי, עס איז דאך דא א מחלוקה צווישן די פוסקים אויב מען קען מאכן דעם ברכה שהחיינו אויף א ספר תורה, איז אויף וועלכע סמך האט איר גע'פסק'נט אז איך זאל יא זאגן די ברכה, האט דער גאון געענטפערט בזה"ל, "הגם עס איז דא א מחלוקה צווישן פוסקים אויב מען קען זאגן שהחיינו אויף א ספר תורה, אבער אויף אזא ברכה וואס איר האט געזאגט, איז די גאנצע וועלט מודה אז מען מעג דאס זאגן",

**יארצייט**
**שבת קודש י״ח סיון**

**הרה״ק רבי ישכר בער ב״ר יצחק זי״ע, (בארון), הסבא קדישא מראדושיץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט ראדישיץ, בשנת תקכ״ה,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי יצחק זי״ע, דער משמש פון הרה״ק המגיד ממזריטש זי״ע,
און צו זיין מאמע הצדקת מרת מרים ע״ה,
א שוועסטער מיט הגה״ק רבי זונדיל דומ״ץ מראדושיץ זי״ע, און פון די גרויסע תלמידים פון הרה״ק רבי אלימלך מליזענסק זי״ע,

ער איז געווען א צדיק אמת קודש הקדשים, אספקלריא המאירה דומה למלאך ד׳ צבקות ומנורה והטהורה, ער איז געווען א גאון הגאונים און א חריף ובקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, סיני ועוקר הרים, ער איז געווען א בעל רוח הקודש אמיתי, און א בעל מופת גדול ונורא, און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מסגף געווען מיט סיגופים קשים און בכלל נישט הנאה געהאט פון די וועלט, טויזנטער אידן זענען געקומען נעמען ברכות פון דעם צדיק, און טויזענטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך דעם צדיק וקדוש מיט ישועות חוץ לדרך הטבע, ורבים הלכו לאורו, אידן פון גאנץ פולין זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש און צווישן זיי זענען געווען אסאך צדיקים בדורו ובתוכם זיין גרעסטע תלמיד הרה״ק בעל תפארת שלמה מרדומסק זי״ע,

הרה״ק רבי יצחק זי״ע דער טאטע פונעם הייליגען ראדושיצער איז געווען אליין בחור א משמש ביים מעזריטשער מגיד זי״ע, און ער איז געווען איבער געגעבן מיט׳ן גאנצן ברען, פאר יעדע קלייניקייט וואס דער גרויסער מגיד האט געברויכט, אין די הויף פונעם גרויסן מגיד האט זיך אויפגעהאלטן אן עלטערע מיידל א משרתת, זייער א ערליכע, אבער צוליב איר אויסזען האט זי נישט געקענט טרעפן קיין שידוך,

די משרתת איז דעריבער געווארן שטארק צובראכן ביי זיך אין הארץ, איין טאג האט דער גרויסער מגיד גערופן דעם משמש ר׳ יצחק, און אים אן געטראגן צו שליסן א שידוך מיט די משרתת, ר׳ יצחק האט זיך זייער דערשראקן פונעם גרויסן מגיד׳ס פארלאנג און ער האט ארויסגעשטאמלט, רבי, אלעס וואס דער רבי בעט טו איך בשלימות, אבער די שידוך וועט פאר מיר זיין אזעלכע בושות, אז כ׳וויים נישט צי איך וועל דאס קענען דערטראגן,

האט אים דער גרויסער מגיד געזאגט, ״אויב דו וועסט טון דעם שידוך וועסטו האבן א קינד וואס וועט באלייכטן די גאנצע וועלט!״, אויף דעם איז שוין ר׳ יצחק איין געגאנגען, און מען האט באלד געשלאסן שידוך, און עס איז צו זיי געבוירן געווארן דער הייליגער ראדאשיצער וועמען מען האט גערופן דער ״סבא קדישא פון ראדושיץ״,

ביי די 7 יאר האט זיך שוין דער הייליגע קינד געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה, זיין גאנצע הנתנהגות איז געווען בקדושה וטהרה, ער האט זיך שוין דאן אלס קינד אסאך מסגף געווען, ער איז כמעט נישט געשלאפן ביינאכט, נאר עוסק געווען יעדע רגע בתורה ועבודת השם, ער פלעגט יעדן טאג גיין זיך טובל׳ן אין מקו׳, און אפילו אינמיטן ווינטער ווען עס איז געווען אייז קאלט, האט ער זיך מוסר נפש געווען פאר קדושה מיט א מוראדיגע באהאלטענקייט,

עס איז געווען א חבר וואס האט באמערקט ווי אזוי דער הייליג קינד פירט זיך צו גיין אין מקו׳, האט דער קינד מחמת קנאה געוואלט נאכטאן ווי דער קינד פירט זיך, איז דער קינד אויך געגאנגען אין מקו׳ אפילו אין די גאר קאלטע טעג,

איין טאג האט זיך דער אנדערע קינד זייער פארקילט, און ארייגעפאלן אין בעט און קראנק געווארן, עד כדי כך אז ער איז געווען אין א געפערליכע סכנה, ווען די מאמע זיינער איז געוואר געווארן ווי אזוי איר קינד איז קראנק געווארן, איז זי מרוב צער אריבער צום קינד ישכר בער, און אויס געגאסן איר כעס פארוואס ער ווייזט אזעלכע זאכן פאר איר קינד, עס האט אבער דעם רבין גארנישט געהאלפן צו ענטפערן אז ער האט אים דאס נישט געהייסן טון,

אבער ווען די רבי האט געהערט דעם מצב פון דעם אנדערן קינד, האט זיך דערוועקט אין אים א רחמנות אויפן קינד, איז ער ארויף אויפן בוידעם פון זייער שטוב, און זיך מתבודד געווען און געזאגט תהילים מיט בכיות ביז ער האט אנגעפילט א קריגל מיט זיינע טרערן וואס ער האט געלאזט ביים תהילים זאגן, דאן האט ער גענומען א קאצקא ציקער און דאס איינגעטונקען אין די

טרערן, און דאס אריינגעלייגט אונעם מויל פון דעם קינד דער חולה, און תיכף איז דעם קינד בעסער געווארן, און נאך אביסל צייט איז דער קינד אינגאנצען געזונט געווארן.

ער איז געווען א תלמיד פון גרויסע צדיקי הדור, ובתוכם,
הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע,
הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע,
הרה"ק המגיד מקוזניץ זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע,
הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע,
הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע,
הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,
הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע,
און ווי דער צדיק האט מעיד געווען, אז בחייו האט ער זוכה געווען צו משמש זיין הונדערט און צוואנציג תלמידי חכמים צדיקים בעלי רוח הקודש.

איינמאל ווען דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, איז געזעצן מיט זיין חבריא קדישא, האט ער זיך אויסגעדרייט צום תלמיד דער הייליגער ראדאשיצער, און געוויזן פאר די תלמידים און געזאגט, בזה"ל, "הראיתם הזה האברך שהוא מלא יצר הרע מכף רגלו ועד קדקדו", ווען די תלמידים האבן זיך געוואונדערט אויף די ווערטער פון זייער רבין, האט ער אויס געפירט "אבל אינו שומע לו אפי' כחוט השערה".

אין די יונגע יארן האט ער געוואוינט אין שטאט חמעלניק דארט האט ער אסאך באדינט הרה"ק רבי אליעזר ליפא וויסבלוים זי"ע, דער זוהן פונעם הייליגען צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע,

שפעטער האט ער געוואוינט אין שטאט טאמאשוב, און דארט האט ער געלעבט אין א מוראדיגע דחקות, די מענטשן אונעם שטאט האבן נאך דאן נישט געוויסט זיין גדלות, מען האט אים גערופען "בערל בטלן", און ער איז געווען א הצנע לכת, איין יאר איז ער געווען אין אזא גרויסע דחקות אז ער האט שוין אפאר טאג פאר יו"כ געפאסט, און מוצאי יו"כ האט ער אויסגעפאסט אויף א שטיקל ברויט און וואסער,

ווען עס איז אנגעקומען דער יו"ט סוכות האט דער צדיק נישט געהאט גארנישט אויף יו"ט, דערפאר ווען עס איז אנגעקומען דאס ערשטע נאכט יו"ט סוכות נאך מעריב, איז ער געבליבן אין בית הכנסת און נישט אהיים, ווייל ער האט דאך סיי ווי נישט קיין עסן, אבער דער צדיק האט נישט געוויסט אז זיין רעבעצין די צדקת האט פארקויפט א שטיקל צירונג, און פון דעם געקויפט ליכט און חלות און אביסל פאטעטאס לכבוד יו"ט,

ווען דער צדיק האט מרגיש געווען אז יעדער האט שוין גענדיגט די סעודה, איז ער אויך אהיים געגאנגען, און ווען ער איז אריין אין די סוכה און געזען די ליכט און די חלות, האט זיך דער צדיק זייער געפרייט אז ער וועט קענען מקיים זיין די מצוות סוכה, ער האט קידוש געמאכט און זיך געוואשן און זיך געזעצט עסן, אבער גלייך האט דער צדיק ביי זיך געטראכט "אוי ווי בעריל, די זיצט דאך נישט אין די סוכה, נאר די זיצט אינעם טעלער".

איין יאר ערב פסח ביי חצות איז ביים צדיק נישט געווען גארנישט פאר יו"ט, איז דער צדיק געגאנגען אין ביהמ"ד און עוסק געווען בתורה און געלייגט זיין בטחון נאר אונעם גרויסן באשעפער, וואס ער ווייסט וואס יעדער ברויך, נאכן זמן ווען יעדער איז אהיים, האט דער צדיק געמאכט די וועג אהיים, האפענדיג אז ער וועט האבן עפעס מיט וואס צו מקיים זיין די מצוות היום,

אזוי ווי דער צדיק קומט אריין אין שטוב, זעהט ער אז די טיש איז אנגעגרייט פון אלעם גוטן, האט ער געפרעגט די רעבעצין פון ווי די אלע זאכן קומען, האט די רעבעצין פארציילט, אז נאך חצות היום זענען אנגעקומען צוויי געסט וואס זענען געקומען פון א ווייטע שטאט, און זיי האבן געזיכט ווי איין צו שטיין, האבן זיי אריין געקלאפט ביי אונז אין שטוב, און געפרעגט אויב זיי קענען זיין ביי אונז אויף יו"ט, האב איך זיי געזאגט, אז זיי קענען גערען קומען איינשטיין ביי אונז, אבער מיר האבן נישט גארנישט קיין עסן אדער צרכי יו"ט,

האבן די צוויי אידן געזאגט אז זיי האבן מיט זיך מיט געברענגט אלע צרכי יו"ט און מצות וואס זענען שמירה משעת קצירה, און דאס איינציגסטע וואס זיי ברויכן איז צו האבן ווי צו איינשטיין, דעם צדיק'ס פנים האט אויפגעלאכטן און ער איז צו געגאנגען צום סדר מיט א מוראדיגע שמחה, און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער פארן וויזען זיינע חסדים און אז ער פארלאזט אים קיינמאל נישט,

אבער מוצאי יו"ט ווען דער צדיק האט געוואלט באדאנקען זיינע געסט, האט ער געזען אז זיי זענען שוין נעלם געווארן, ער האט זיי ארומגעזיכט אונעם גאנצן

שטאט אבער קיינער האט נישט געוויסט ווי זיי זענען אהין געקומען, דאס איז געווען א גרויסע וואונדער ביים צדיק,

ווען עס איז געקומען די יו"ט שבועות איז דער צדיק געפארן צו זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, און דער רבי האט זיך אויף אים נאכגעפרעגט ווי אזוי אלעס גייט, האט דער צדיק פארציילט פארן רבין וועגן די געסט וואס זענען צו אים אנגעקומען אויפן יו"ט פסח, און מיט געברענגט אלעס אויף פסח, און פארציילט אז די זענען נעלם געווארן גלייך מוצאי יו"ט,

האט דער הייליגער חוזה געזאגט, וויסן זאלסטו אז די צוויי געסט זענען געווען "מלאך מיכאל און מלאך גבריאל", וואס דער גרויסער באשעפער האט געשיקט צו מאכן פאר דיר א עונג יו"ט, אשריך וטוב חלקך שזכיתי לכך, און דער חוזה האט אים געזאגט, אז פון יעצט און ווייטער וועט דיר גיין גרינגער, כך הוה אז נאכדעם האט די גדלות פונעם הייליגען ראדאשיצער אנגעהויבן מפורסם ווערן, און אידן האבן אנגעהויבן קומען צו דעם צדיק.

הרה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער הייליגער ראדאשיצער זי"ע איז געווען נאך די חתונה ביים שווער, איז דאן געווען שווערע צייטן ביי אידן, ווייל די גוים האבן אפ געטון רשעות פאר די אידן, איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין א דערנעבענדיגע שטאט, און עס איז זיי בשעטומ"צ געבוירן געווארן א בן זכר, און זיי האבן געברויכט מאכן א ברית מילה, אבער מען האט נישט געקענט טרעפן קיין מוהל, וואס זאל מסכים זיין צו קומען מאכן די ברית,

דער איד האט זיך מייאש געווען פון טרעפן איינער וואס זאל קומען מאכן דעם ברית פארן קינד, און דער טאטע האט זיך געלייגט שלאפן, אבער די פרוי בגודל צדקתה האט נישט געוואלט אויפגעבן, האט זי מיט מסירת נפש געשיקט איר קינד זאל גיין זיכן א מוהל, און דער קינד איז ארויס, און ער איז אנגעקומען צום שטאט פונעם הייליגען ראדאשיצער, ווען דער צדיק האט געהערט אז עס רעדט זיך פון א ברית, האט ער תיכף מסכים געווען צו גיין מאכן די ברית,

ווען זיי זענען אנגעקומען, און געוואלט מאכן דעם ברית האט מען געברויכט א סנדק, מען האט פראבירט צו אויפוועקען דעם טאטען, מען האט אבער נישט מצליח געווען אים אויף צו וועקן, ווען דער צדיק האט ארויסגעקוקט פונעם פענסטער, האט ער געזען א אלטן איד מיט שטיוועל, האט ער געפרעגט דעם אלטן איד, אויב ער וואלט געקענט זיין סנדק ביים ברית, און דער אלטער איד האט מסכים געווען, און מען האט ב"ה געמאכט דעם ברית,

נאכן ברית האט זיך דער אלטער איד פאר'עקש'נט, אז מען זאל דעם טאטן אויפוועקן און מאכן א לחיים לכבוד דעם ברית, און נאך שוועריקייטן האט מען מצליח געווען אויפצוועקן דעם טאטן, און מען האט געטרינקען א לחיים און געוואונטשן מזל טוב, און גלייך איז דער אלטער איד נעלם געווארן,

דאן האט דער הייליגער ראדאשיצער געזאגט פאר די עלטערן, "מיר האבן זוכה געווען צו זען אליהו הנביא מיט שטיוועל", ווייל דער זקן איז געווען אליהו הנביא וואס איז געקומען זיין סנדק, אונעם זכות וואס די מאמע האט זיך מוסר נפש געווען אריינצוברענגען איר קינד בבריתו של אברהם אבינו.

דער צדיק האט זיך געפירט יעדן טאג צו גיין צום טייך אויסער דעם שטאט זיך צו טובל'ן, איין טאג ווען ער איז אנגעקומען צום טייך, האט ער דארט געטראפן א גוי'שע קינד וואס האט געהאט א כלי פיל מיט דינרים, און ער האט אן געטראגן צו פארקויפן דאס גאנצע שיסל פאר 10 גאלדענע רענדליך, האט די צדיק געזאגט אז ער האט נאר 5 גאלדענע רענדליך, דער קליינער גוי האט מסכים געווען און דאס פארקויפט פארן צדיק,

דער צדיק האט זיך זייער געפרייט אויף די מציאה וואס דער גרויסער באשעפער האט אים צו געפירט, וואס ער קען פון דעם האבן עשירות אויף דורי דורות, און וועט קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש ראיגערהייט, אבער דער צדיק האט זיך בארעכענט און געזאגט צו זיך, בערל בערל דער בעל דבר האט דיך פארכאפט, ווייל פון יעצט און ווייטער וועסטו זיין פארנומען מיט די געלט, און עס וועט דיך אוועק נעמען פון דיין עבודת השם, און ביי זיך געטראכט, צו נעמען פאר זיך איז נישט קיין אפציע, ווייל עס וועט אים שטערן פון זיין עבודת השם, און ארויסווארפן דאס געלט איז דאך בעל תשחית,

האט דער צדיק געבעטן דעם גוי אז ער וויל צוריק צוען פון דעם געשעפט, און צוריק געגעבן דאס גאנצע געלט פאר דעם גוי, און צוריק גענומען זיינע 5 גאלדענע רענדליך, און אים געזאגט אז ער זאל אריינגיין אין שטאט און ער וועט זיכער טרעפן דארט א איד וואס וועט קויפן דעם שיסל מיט געלט, כך הוה דער גוי האט דארט

געטראפן איינער וואס האט דאס אפ געקויפט, און יענער איז זייער נתעשר געווארן, פון דעם קען מען זעהן ווי דער צדיק האט געקענט באשטיין צו לעבן אין דחקות, נאר כדי ער זאל קענען דינען דעם באשעפער.

דער צדיק האט געהאט א מנהג יעדן שבת ביינאכט איז ער אויף געווען די גאנצע נאכט און זיך נישט געלייגט, און געזאגט בזה"ל, "אויב די גאנצע וועלט שלאפט, דאן ווער וועט אויף זיין און לערנען, און דערפאר ברויך איך בלייבן אויף די גאנצע נאכט".

דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, אידן האבן געזען גרויסע מופתים ביי דעם צדיק און זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות חוץ לדרך הטבע, דער צדיק האט זיך אמאל אויס געדריקט צו זיין תלמיד דער הייליגער תפארת שלמה מראדומסק זי"ע בזה"ל, "אז ער איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, צו ווייזן אז עס איז דא א באשעפער", און דער תפארת שלמה זי"ע האט אמאל געזאגט, "אז זיין רבי מראדושיץ איז דער צווייטער בעל שם".

דער צדיק דער הייליגער ראדושיצער זי"ע איז געווען א גרויסע מתנגד פון די אלע תפילות וואס אידן האבן אליין מחבר געווען און נישט פון א מקור פון א צדיק מדורות הראשונים, דערפאר האט דער צדיק אליין איבער געזעצט דעם תפילה פונעם נועם אלימלך זי"ע אויף אידיש, כדי זיינע טעכטער און אייניקלעך זאלן האבן א תפילה וואס האט א מקור פונעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

ער האט געהאט תלמידים גדולים וצדיקי הדור ובתוכם,

תלמיד מובהק הרה"ק רבי שלמה בעל תפארת שלמה מרדומסק זי"ע,
הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממוגלניצא זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף ברוך דער גוטער איד מניישטאט זי"ע,
הרה"ק רבי ארון קראקאווער זי"ע,
הרה"ק רבי יחזקאל בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע,
הרה"ק רבי יששכר דוב בעריש טורנהיים בעל עבודת יששכר מוולברוז זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב צבי מפוריסוב זי"ע,
הרה"ק רבי אלימלך שפירא מגרודזיסק זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב בידערמאן מאפטא זי"ע,
הרה"ק רבי דוד מקשאנוב זי"ע,
הרה"ק רבי יהושע אשר מזעליחוב זי"ע,
הרה"ק רבי עמנואל מפשעדבורז זי"ע,
הרה"ק רבי הלל מראדושיץ זי"ע,
הרה"ק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע,
הרה"ק רבי חיים דוד דאקטאר מפיעטרקוב זי"ע,

אויך האט זיך דער צדיק וקדוש מסתופף געווען אסאך בצלו פון הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע, דארט האט ער אסאך געלערנט תורה ביים הייליגען צדיק מפשיסחא, דער יהודי הקדוש האט זיך אמאל נאכן פאר לערנען א טיפע פלפול אויס געדריקט בזה"ל, "אין הימל איז אסאל מער חשוב דאס תהילים פון בערל בטלן, מער ווי אלע אונזערע פלפולים חריפים בתורה",

בשנת תקפ"ה נאכן פטירה פון זיין פעטער רבי זונדל מראדושיץ זי"ע איז ער געווארן רב אין שטאט ראדושיץ, און נאכן פטירה פון הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע איז ער אויך געווארן רב אין שטאט פשעדבורז, אבער ער איז געבליבן וואוינען אין ראדאשיץ ביז צו זיין פטירה, דער צדיק איז גאר שנעל געווארן מפורסם, טויזענטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך א ברכה פון דעם צדיק, טויזנטער מעשיות זענען דא פון מענטשן וואס האבן געזען אפענע מופתים ביי דעם צדיק,

צדיקים בדורו האבן געשיקט אידן צו גיין נעמען א ברכה, און אפילו נאר זען דעם צורת קדשו פון דעם צדיק, און ווי מען זעהט די ווערטער וואס הגה"ק רבי משה יעקב שארף אב"ד אושפיצין זי"ע שרייבט אין זיין ספר שערי יושר, בזה"ל "כל מי שיש לו גיד ישראלי יכתת רגליו ואף להלוך על כפיו למקום המקודש הלזה ולראות בנועם זיו קדושת אדמו"ר",

דער הייליגער שרף ממאגלניצא זי"ע האט אמאל מעיד געווען אויף זיין רבין הרה"ק רבי ישכר דוב הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, אז ער האט קיינמאל נישט געזען א צדיק וואס האט געהאט דעם מפתח צו פועל'ן קינדער פאר אידן, ווי דער הייליגער ראדושיצער זי"ע,

הרה"ק רבי מענדעלע מקאצק זי"ע וואס איז געווען א מתנגד פון חסידות, האט געשיקט א שליח מיט א קוויטל צום צדיק זיך מזכיר זיין פאר א רפואה, ווען ער איז געווען קראנק, אויך להבדיל גוים האבן געוויסט צו זאגן פון דעם צדיק, און זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק וקדוש,

נישט אימזינסט האט מען דעם צדיק גערופען "סבא קדישא" און אויך מיטן נאמען "דער צווייטער בעל שם", ווייל מען האט געזען מופתים ביי דעם צדיק אזוי ווי אין די צייטן פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און ווי דער צדיק האט אמאל מעיד געווען מרוב ענוותנותו, אז די מופתים וואס מען זעט ביי אים, זענען ענליך צו וואס מען האט געזען ביים הייליגען בעש"ט זי"ע, און זיין גאנצע קומען אויף די וועלט איז נאר, "לגלות את אלקותו יתברך בעולם".

ביי די גרויסע חתונה אין שטאט אוסטילא וואס מען האט גערופען "דער אוסטילער חתונה", ווי די אייניקל פון הרה"ק מאפטא זי"ע האט חתונה געהאט מיט די אייניקל פון הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע, זענען דארט געווען איבער זיבעציג גדולי הדור, און וויבאלד דער הייליגער אפטא רב איז דאך געווען פון די זקני הדור, האט מען אים אפ געגעבן גרויס כבוד,

נאך די חתונה איז דער אפטער רב איינגעשטאנען אונעם זעלבן גאסט הויז ווי זיין תלמיד דער ראדושיצער זי"ע, האט ער געהערט ווי זיין רבי דער אפטער רב זאגט צו זיך בלב נשבר, "איך האב מורא, ווער ווייסט אויב מיט די גרויסע כבוד וואס מען האט מיר צוגעטיילט יעצט דא ביים חתונה, האב איך שוין באקומען מיין חלק אין עולם הבא",

האט דער הייליגער ראדושיצער געזאגט פאר זיין רבין בזה"ל, "לויט ווי דער רבי האט אונז געלערנט ווי גוט דער אויבערשטער איז, גלייב איך נישט אז ער זאל אזוינס טון מיטן רבין", האט זיך דער הייליגער אפטער רב בארואיגט און הנאה געהאט פון די תשובה פון זיין תלמיד.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי ישראל יצחק מראדושיץ זי"ע, ממלא מקום אביו,
הרה"ק רבי מאיר משידלובצא זי"ע,
הרה"ק רבי ברוך זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת פרלה ע"ה, אשת ביווג ראשון הרה"ק רבי יצחק פינקלר מראדושיץ זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת מרים ע"ה, אשת בזיווג שני הרה"ק רבי יצחק פינקלר מראדושיץ זי"ע,

דער הייליגער ראדושיצער איז איינמאל קראנק געווארן, האט ער געזאגט אז די דרך העולם איז אז ווען א מענטש ווערט חלילה קראנק, דארף מען זיך מתוודה זיין און מאכן א חשבון הנפש וואס מען דארף מתקן זיין, האט ער געזאגט, "אויב וועל איך זאגן אז איך האב געזינדיגט" טאר מען דאך נישט זאגן קיין ליגענט, אויב וועל איך זאגן אז איך האב ממעט געווען אין עבודת השם, דאס קען איך אויך נישט זאגן, ווייל איך האב געטון אלעס וואס איז געווען אין מיין יכולת צו דינען דעם גרויסען באשעפער,

נאר איין זאך וואס איך קען יא טון איז, איך קען אויף מיר מקבל זיין, אז מהיום והלאה וועל איך דינען דעם גרויסן באשעפער בלתי לד' לבדו, ווייל דאס איז אן עבודה וואס האט נישט קיין סוף, ווייל אנקומען צו משיג זיין דעם גדלות הבורא איז דאך אן קיין סוף, און דאס נעם איך מיך אינטער פון יעצט און ווייטער, כך הוה דער צדיק איז טאקע געזונט געווארן און נאך געלעבט 20 יאר.

בשנת תר"ג ח"י סיון ערב שבת קודש בהעלותך פאר זיין הסתלקות, האט דער צדיק געבעטן מען זאל ברענגן די צדקה פושקעס פון רבי מאיר בעל הנס און די פושקע פון חברה ביקור חולים, און דער צדיק האט ארויס גענומען אפאר מטבעות און געגעבן צדקה, צו מקיים זיין וואס עס שטייט "צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו",

נסתלק לגנזי מרומים ח"י סיון בשנת תר"ג ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, די לוי' איז פאר געקומען זונטאג כ' סיון, גאר אסאך צדיקים בדורו זענען געקומען באגלייטן דעם צדיק למקום מנוחתו אין ביה"ח אין ראדושיץ,

נאכן פטירה האט מען אונעם אוהל אריין געברענגט דעם טיש וואס דער צדיק האט גענוצט בחייו צו מקבל זיין דעם קהל, און אידן האבן פון דעם טיש אראפ גענומען שטיקלעך, און מען האט פון דעם געזען גרויסע ישועות, ליידער האט א שריפה אויס געבראכן אונעם אוהל אפאר יאר בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה און דער טיש איז אינגאנצן פארברענט געווארן.

צדיקים האבן דאן געזאגט, "ווער ווייסט וואסערע שווערע צייטן קומט אויף כלל ישראל, און ליידער האט טאקע אפאר יאר שפעטער אויס געבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, ווי מיליאנען אידן זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

בעפאר די הסתלקות האט דער הייליגער ראדושיצער זי"ע געזאגט בזה"ל, "יום יבוא ויגיע שאנשים יגיעו, יבקשו ישועה, לא ישמעו תשובה ויוושעו", האבן די צדיקים געזאגט אז די כוונה פונעם צדיק איז געווען, אז נאך זיין פטירה, זאל מען וויסן אז די וואס וועלן קומען צו זיין ציון, אפילו עס וועט אויסזעהן ווי ער הערט זיך נישט צו, וועלן אבער אידן זעהן ישועות ונפלאות עד אין סוף.

עס איז מקובל פון צדיקים אז אנצינדן א ליכט לעילו נשמת הרה"ק רבי ישכר בער ב"ר יצחק מראדושיץ זי"ע, און געבן 19 פרוטות פאר צדקה, און זאגן דעם פסוק, "כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה", איז א סגולה צו פטור ווערן פון א גוי וואס מאכט אן צרות וכדומה, אויך ברענגט מען פון צדיקים אז דאס איז א סגולה לכל מיני ישועות.

איינמאל האט א מקורב וואס האט כסדר באדינט דעם צדיק מראדושיץ, געבעטן פאר א סגולה אויף פרנסה, האט דער צדיק געזאגט' אז דאס איז מרומז אין די תורה, "וַעֲבַדְתֶּם אֵת ד', וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ", זאגט דער צדיק, אז די ווערטער "וַעֲבַדְתֶּם אֵת ד'", איז קעגן תפלה, און עס שטייט דאך בלשון רבים, וואס דאס מיינט דאווענען בציבור, און דאן שטייט וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ, וואס דאס מיינט אז עס ברענגט פרנסה און א ברכה פונעם באשעפער, און דאן שטייט וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ אז דאס ברענגט אויך ישועות און רפואות.

אויך פארציילט מען הונדערטער ישועות וואס דער צדיק האט משפיע געווען, איינעם דורך געבן שיריים, און איינעם דורך געבן וואסער פונעם קוואל פונעם חצר פונעם צדיק, ווען דער צדיק האט געזעהן ווי דער עולם וואונדערט זיך אויף די אלע מופתים, האט דער צדיק געזאגט מיט א פשטות, עס שטייט דאך, "וַעֲבַדְתֶּם אֵת ד'–וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ", אז אויב דינט מען דעם גרויסן באשעפער אזוי ווי עס שטייט אין די תורה, דאן בענטשט דער באשעפער די וואסער און די עסן, און דאס ברענגט ישועות און רפואות.

איינמאל איז א פרוי געקומען זיך מזכיר זיין פאר א ישועה און געזאגט, אז קודם איז דער באשעפער און דערנאך קומט דער רבי, האט דער צדיק א שריי געגעבן בזה"ל, "השי"ת מקודם, השי"ת באמצע, והשי"ת בסוף" אלעס אלעס איז דער אויבערשטער.

דער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט דערציילט, בשם זיין זיידע הרה"ק רבי שלום השר שלום מבעלזא זי"ע וואס האט געזאגט אויפן הייליגן ראדושיצער זי"ע, "ער איז א פלאם פייער פארן אויבערשטען", און הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט געזאגט פאר אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין, "עמ'ץ מיינטס אז איך בין אזוי ווי דער צדיק רבי ישכר בער מראדושיץ זי"ע".

א חשוב'ער איד וואס האט נישט געהערט צו די חסידים, ער איז געווען פון די מתנגדים צום דרך החסידות, איז אמאל געקומען צום "סבא קדישא" פון ראדושיץ, בשעת ער האט געפירט א סעודת ראש חודש מיט זיינע חסידים, האט דער צדיק געפרעגט דעם "מתנגד", פארוואס פירן זיך נישט די "מתנגדים" צו פראווען א סעודת ראש חודש, ס'איז דאך א בפירוש'ע הלכה אין שולחן ערוך (אורח חיים סימן תי"ט), "מצוה להרבות בסעודת ראש חודש".

דער "מתנגד" האט געשוויגן און נישט געענטפערט, האט דער צדיק געזאגט, איך וועל דיר זאגן דעם טעם, דער חילוק צווישן א חסיד און א מתנגד איז, דער מתנגד, ווען ער טוט א מצוה, ווייסט ער אז ער האט געטוען א מצוה, און ער לייגט דאס אוועק צווישן די מצוות, און אויב חלילה פאלט ער דורך מיט אן עבירה, ווייסט ער אז ער האט געזינדיגט, און ער לייגט עס צווישן די עבירות.

אבער דער חסיד איז שטענדיג פול מיט ספיקות, שטענדיג דאכט זיך אים אז ער זינדיגט, און אפילו ווען ער טוט א מצוה, צווייפלט ער צי ער האט דאס געטוען בשלימות, אפשר האט ער געהאט א פניה, אפשר האט ער נישט געהאט די ריכטיגע כוונה, חז"ל זאגן דאך (חגיגה כז.), "בזמן שבית המקדש קיים המזבח מכפר, ועכשיו שולחנו של אדם מכפר עליו, ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען, האט דער מזבח מכפר געווען, און יעצט, איז דער טיש פון א מענטש, וואו ער עסט זיינע סעודות, מכפר אויף אים.

עס איז דאך א בפירוש'ע משנה אין מסכת שבועות (פ"א מ"א), "שעירי ראשי חדשים מכפרים על שאין להם ידיעה לא בתחילה ולא בסוף" אז די קרבנות פון ראש חודש זענען מכפר אויף די עבירות וואס מען ווייסט נישט פון זיי, נישט פאר דעם און נישט נאכדעם, דערפאר זענען די חסידים מער אפגעהיטן אין סעודת ראש חודש, כדי מכפר צו זיין אויף זייער זינד וואס זענען

פאר זיי אומבאקאנט, דער ״מתנגד״ האט הנאה געהאט פון דעם הסבר, און ער איז געווארן א גרויסע חסיד פונעם הייליגן ראדושיצער זי״ע, און יעדן ראש חודש בשעת ער פלעגט אפרעכטן די סעודה, פלעגט ער איבער זאגן דעם דבר תורה פונעם ראדושיצער זי״ע.

אין א שטעטל, נישט ווייט פון לובלין, האט געוואוינט א איד ר׳ נחום, דער ר׳ נחום האט געהאט א ביטערע צרה, די קינדער וואס זענען ביי אים געבוירן, האבן נישט איבער געלעבט זייער ברית, עטליכע קינדער זענען ביי אים אוועק פון די וועלט, ווען זיי האבן אויסגעבלוט נאכן זיי אריין ברענגען בבריתו של אברהם אבינו ע״ה.

ווען עס איז צו ר׳ נחום נאכאמאל געבוירן געווארן א יונגל, איז ר׳ נחום אריין געגאנגען צום הייליגן חוזה פון לובלין און זיך געבעטן, רבי, העלפט מיר אז כ׳זאל קענען אריין ברענגען מיין זון תחת כנפי השכינה, מיט׳ן מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה, און עס זאל אים גארנישט שאדן.

דער הייליגער חוזה האט אים געזאגט, אויב מיין תלמיד ר׳ בערל דער ראדאשיצער רבי וועט זיין דער סנדק פונעם קינד ביים ברית, וועט דאס קינד איבערלעבן דעם ברית, און אלעס וועט זיין גוט, אבער יענע צייט איז דער הייליגער ראדאשיצער נאכנישט געווען מפורסם אלי׳ן א צדיק, דעריבער האט ר׳ נחום געוואוסט אז עס וועט אים נישט אזוי לייכט אנקומען אז ר׳ ישכר בער זאל אן נעמען צו זיין סנדק, נאכדערצו אויב דער צדיק וועט וויסן אז דורך אים דארף ארויס קומען א מופת מיט׳ן קינד.

דעריבער, איז ר׳ נחום געגאנגען צום יוד הקדוש פון פשיסחא זי״ע, וואס ער איז אויך געווען פון די תלמידים פונעם חוזה, און ר׳ נחום האט געבעטן אז דער יהודי הקדוש זאל איינבעטן רבי ישכר בער אז ער זאל זיין סנדק אויפ׳ן ברית פון זיין ניי געבוירן קינד.

דער יהודי הק׳ האט געזאגט פאר ר׳ נחום, אז ער וועט אים צוליב טון, און ווען עס איז געקומען די נאכט פאר׳ן ברית, איז דער יהודי הק׳ געקומען צו רבי ישכר בער, און אים געזאגט אז ער דארף ארויספארן צו א ברית פון א איד, וואו מען דארף אויפטון גרויסע זאכן, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מיט אים מיט פארן, רבי ישכר בער האט מסכים געווען נישט וויסנדיג אז מען ווארט טאקע אז ׳ער׳ זאל אויפטון גרויסע זאכן.

ווען דער ׳קוואטער׳ האט אריינגעברענגט דאס קינד צום ברית, האט זיך דער יוד הק׳ געווענדן צו רבי ישכר בער און געזאגט, ר׳ בערל, אצינד וועל איך אייך זאגן, וואס איז די גרויסע זאך וואס מען דארף דא אויפטאן, איר וועט דא זיין דער סנדק, און אזוי ווי איך גיב אייך איבער א לעבעדיגע קינד, זאלט איר צוריק געבן דאס קינד לעבעדיג.

רבי ישכר בער האט זיך אנגעהויבן איינ׳טענה׳ן אז ער ווייסט נישט וואס מען וויל פון אים, און ער איז נישט ראוי צו זיין סנדק, אבער דער יהודי הק׳ האט אים געזאגט, אז דער רבי פון לובלין האט געהייסן אז ער זאל זיין סנדק, האט ער בלית ברירה מסכים געווען.

בשעת דער מוהל האט גע׳מל׳ט דאס קינד אויפ׳ן שויס פונעם הייליגן ראדאשיצער, זענען צוויי שנירלאך פון טרערן געפלאסן אן א אויפהער, פון די הייליגע אויגן פונעם ראדאשיצער, און די טרערן האבן נאכאנאנד געוואשן דאס פנימ׳ל פונעם רך הנימול און די בלוט האט זיך אפ געשטעלט, נאכ׳ן ברית האט דער ראדאשיצער געוואונטשן ׳מזל טוב׳ פאר׳ן אבי הבן, און אים געזאגט אז עס איז שוין נישט דא אויף וואס זיך צו זארגן.

בשעת די צדיקים זענען געזעצן ביי די סעודת ברית, איז די מאמע פונעם קינד אריינגעלאפן מיט א יאמערליכן געוויין, אז עס האט זיך ווידער גענומען שטראמען בלוט פונעם קינד און אט אט גייט ער אויס, ווי זיינע עלטערע ברודער, דער הייליגער ראדאשיצער האט צוגעמאכט זיינע אויגן און זיך שטארק פאר׳דביקות׳ט פאר עטליכע מינוט, און דערנאך זיך אנגערופן, זייט רואיג אלעס וועט זיין גוט, אזוי איז טאקע געווען דאס קינד האט מאריך ימים ושנים געווען געזונטערהייט.

א מעשה וואס איז געשען אפאר יאר צוריק, א איד האט געהאט דריי קינדער אין די יארן פון שידוכים, צוויי בחורים און איין מיידל, די קינדער וואקסן ארונטער אבער דערוויל איז שא שטיל אויפן טעלעפאן טרייבל, קיין שדכנים רופן נישט, די צייט ריקט זיך און דער איד ווייסט נישט ווי זיך אהין צו טאן.

האט אים א גוטער חבר מציע געווען, רבי איד כאפט אייך אריבער צום ציון פונעם ראדעשיצער צדיק, אידן זעהן דארט גרויסע ישועות, נאך אסאך קווענקעלנישן האט די אמונת צדיקים גובר געווען, און דער איד האט זיך איינגעהאלדענט טיקעטס קיין ראדאשיץ, אבער ווי עס איז באקאנט קומט יעדע גוטע זאך אן שווער, און דער איד האט געהאט פראבלעמען ביים גרעניץ ארויס צו

גיין, און די איינגעשטעלטע האבן אים נישט געוואלט לאזן גיין צוליב פראבלעמען מיט זיין פאספארט,

דער איד האט געוויסט דעם סגולה פונעם ראדעשיצער, אז ווען מען האט א פראבלעם מיט א גוי זאל מען געבן 19 פריטות לעילוי נשמת דעם צדיק און זאגן די פסוק "כי גוי אובד עצות המה ואין בהם תבונה", האט דער איד געטון דעם סגולה, און וואונדער איבער וואונדער דאן האט זיך געטוישט דער לופטפעלד שטאב, און דער גוי גיבט אים א פרעג, וואס טוסטו נאך דא איר זענט דאך באשטעטיגט אריבער צו גיין, גייט ארויף אויפן פליגער,

שטייענדיג דארט ביים ציון האט דער איד געטראפן דעם גבאי קודש פונעם ציון הרה"ח ר' ישראל יושע מענצער נ"י, און ר' ישראל יושע דערציילט אים, אז פאר א סכום געלט צינט ער יעדע וואך א ליכט און דערמאנט אלע משתתפים וואס זענען מחזק דעם ציון הקדוש פונעם צדיק, דער איד האט גלייך זיך אנגעשלאסן מיט א שיינעם סכום להחזקת מקום קדוש, און זיין נאמען ווערט דערמאנט יעדע וואך ביים ציון קדשו, איינינע וואכן נאכן צוריק קומען האט דער איד געבראכן טעלער פארן ערשטען זוהן בשעה טובה ומוצלחת למזל טוב, און עס איז נישט אריבער עטליכע חדשים און דער איד ברעכט טעלער ביים צווייטען זוהן בשעה טובה ומוצלחת,

די קומענדיגע כ"א אדר איז דער איד געפארן צום יארצייט פונעם הייליגען נועם אלימלך זי"ע און פארשטענליך האט ער זיך אריבער געכאפט צום הייליגען ראדאשיצער, און דארט אפ געגעבן א שבח והודאה פארן גרויסע באשעפער אויף די וואונדער, און פארשטייט זיך אויך תורם געווען א שיינע סכום להחזקת ציון קודשו פונעם הייליגען ראדאשיצער זיך צו באדאנקען פאר די ישועה און בעטענדיג א ישועה אויך פארן טאכטער זאל א כלה ווערן, לפלא דעם קומענדיגען ח"י סיון איז דער איד געפארן צום ציון פונעם הייליגען ראדעשיצער, שוין אפגעבענדיג א יישר כח פאר די שידוך פונעם טאכטער בשעה טובה ומוצלחת.

ווערט דערציילט א מעשה נפלא, א איד האט ליידער געהאט א קינד וואס איז אים אראפ פון אידישן וועג און ער איז ליידער אזוי פארקראכן אז ער איז אנטלאפען פון שטוב, מען קען זיך נישט פארשטעלן די צער פון דעם טאטען און מאמע, פאר א לענגערע צייט האבן די עלטערן נישט געוויסט ווי דאס קינד איז, צו ער לעבט אדער נישט, איין טאג טרעפט אים א חבר זיינער און דער איד רעדט זיך אויס זיין הארץ מיט די צרה וואס האט אים באטראפן מיטן זון,

זאגט אים דער חבר זיינער, יעצט ח"י סיון גייט זיין די יארצייט פונעם הייליגען סבא קדישא מראדושיץ זי"ע, אידן זעהן ביי דעם ציון גרויסע ישועות און מופתים, כאפ דיך אריבער צום יארצייט און וויין דיך גוט אויס פאר א ישועה, דער איד האט זיך אריבער געכאפט קיין ראדושיץ צום יארצייט פונעם צדיק און ער האט זיך דארט אויס געגאסען דאס הארץ מיט די צרה וואס האט אים ליידער באטראפן, און ער האט איינגעריסן ביים ציון פונעם צדיק פאר א ישועה,

נישט צום גלייבן, אבער שטייענדיג ביים ציון פונעם צדיק וקדוש, קלינגט די טעלעפאן ביי אים אין שטוב, און אויף די אנדערע זייט פונעם טרייבל איז זייער זון, ער פרעגט די מאמע'ן "ווי איז טאטי יעצט", די מאמע גלייבט נישט וואס זי הערט, ווי לאנג ווארטן שוין די עלטערן אז דער זון זאל פרעגן די פראגע, זאגט די מאמע פארן זון, אז טאטי איז געפארן קיין ראדושיץ מתפלל זיין, זאגט דער בחור פארן מאמע, אז ער וויל זייער גיין אפ נעמען טאטי פונעם עירפארט,

דער טאטע קומט אראפ פונעם פלעין און זיין בחור ווארט אים אפ אנגעטון גאנץ לאטיש, און וואונטשט אן דעם טאטן, אז ער זאל האבן געפויעלט אלעס גוטס, וואונדער איבער וואונדער נישט לאנג נאכדעם איז דער בחור נתהפך געווארן צו א אנדערע מענטש, און אפאר יאר שפעטער האט ער ב"ה חתונה געהאט און אויף געשטעלט א אידיש שטוב, אלעם מיטן גרויסן כח פון סבא קדישא מראדושיץ זי"ע וואס האט בחייו און עד היום מבטל געווען גזירות און געברענגט ישועות חוץ לדרך הטבע,

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט פארציילט, אז אין ווארשא איז געווען א איד ליידער א משכיל, וואס איז קראנק געווארן אויף די אויגן און עס איז געווארן ערגער און ערגער, מען האט דעם איד צו גערעדט אז ער זאל אריבער גיין צום הייליגען ראדעשיצער זי"ע, און ער וועט געהאלפן ווערן מיט א ישועה, פארשטייט זיך אז דער משכיל האט בשום אופן נישט געוואלט גיין, אבער נאך אסאך בעטן האט ער מסכים געווען און אריבער צום צדיק,

ווען ער איז געקומען האט דער צדיק געהייסן, אז ער זאל קומען בשעת דער צדיק עסט ארוחת ערב, איז דער איד

געקומען צום צדיק, האט דער צדיק אים געפרעגט, אויב ער גלייבט אז עס איז דא א בורא עולם וואס קען אים אויסהיילן די אויגן אין איין רגע און אים מאכן צוריק זעהן, דער משכיל האט נישט געענטפערט, האט דער צדיק גענומען א פריסת חלה און אריבער געפירט אויף זיינע אויגן, און לפלא יענע רגע האט דער איד אנגעהויבן זעהן כאחד אדם.

אבער נאך אפאר מינוט האט דער צדיק נאכאמאל אריבער געפירט דעם פריסת חלה אויף זיינע אויגן, און דער איד איז צוריק בלינד געווארן, און דער צדיק האט געזאגט, איך האב דיר נאר געוואלט ווייזן אז עס איז דא א בורא עולם וואס פירט די וועלט, אבער וויבאלד די ווילסט נישט גלייבן אונעם באשעפער, וועסטו נישט זוכה זיין צו א רפואה.

עס איז געווען א נגיד וואס האט באקומען א מכה אויף זיין קאפ, און די דאקטורים האבן געזאגט אז דאס איז א שרעקליכע סכנה וויבאלד עס קען צו קומען צום מח, און זיי האבן נישט געקענט געפינען קיין רפואה דערפאר, איז דער איד געפארן צום הייליגען ראדאצישער זי"ע, און ווען דער צדיק האט געזען דעם מכה, האט ער גענומען פונעם שאפע א זאלב וואס דער צדיק האט גערופען "מוש", און דער צדיק האט אנגעשמירט דעם זאלב אויף א שמאטע, און געהייסן דעם איד דאס ארום בינדען אויף די מכה און עס לאזן דארט פאר א מעת לעת.

די קומענדיגע טאג איז דער איד צוריק געקומען און מען האט דעם שמאטע אראפ גענומען און עס האט שוין אויס געזעהן אסאך בעסער, האט דער צדיק געזאגט אז ער זאל דאס לאזן פאר נאך א טאג, און די קומענדיגע טאג האט מען געזען אז די מכה איז אינגאנצן פארהיילט געווארן.

איז דארט געווען הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע, און ער האט געבעטן דעם הייליגען ראדאשיצער, אז ער וויל האבן אביסל פון די זאלב "מוש" ווייל עס העלפט אוים היילן אן אויסשלאג, האט דער הייליגער ראדאשיצער געזאגט, און דעם זאלב געפינט זיך גארנישט ספעציעל אדער א געמיש פון רפואות, נאר אזוי ווי עס איז א מנהג צו עסן ראש השנה ביינאכט עפל מיט האניג, האב איך צעריבן די איבער געבליבענע עפל, און מיט דעם האב איך געמאכט די רפואה.

ווי באקאנט אז ווען דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע האט נאך געוואוינט אין שטאט טאמשוב, האט קיינער נישט געוויסט זיין גדלות און זיין גרויסע כוח, און דערפאר האט מען דעם צדיק גערופן מיטן נאמען "בערל דער בטלן", צדיקים האבן אויף דעם מליץ יושר געווען און געזאגט, אז דער נאמען מיינט "אז דער צדיק מראדושיץ איז געקומען אויף דער וועלט צו "מבטל" זיין גזירות קשות פון אידישע קינדער".

איינמאל איז א איד, וואס האט ליידער זייער געליטן אויפן מאגן און ער איז געווען שטארק קראנק, געקומען צום הייליגען סבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און דער איד האט זיך מזכיר געווען פארן צדיק אז ער זאל האבן א רפואה, האט דער הייליגער ראדושיצער זי"ע געזאגט, עס שטייט אין די תורה (דברים י"ח ג') הַזְּרֹעַ וְהַלְּחָיַיִם וְהַקֵּבָה, האט דער צדיק אריין געטייטשט אזוי, וְהַלְּחָיַיִם מען קען לעבן געזונט, וְהַקֵּבָה אפילו מיט אזא מאגן, לפלא האט דער איד גלייך געהאט א רפואה שלימה און געזונט געווארן.

איינמאל איז דער הייליגער ראדעשיצער זי"ע געווען אין שטאט לובלין, האט מען אים געברענגט א זייגער פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, האט דער ראדעשיצער געזאגט, עטץ הערט נישט וואס דער זייגער זאגט, עס האלט און איין שרייען "נאך א מינוט נענטער צו ביאת המשיח".

איינמאל איז הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע קראנק געווארן, האט ער געשיקט א קוויטל צום ראדאשיצער זי"ע און זיך מזכיר געווען פאר א רפואה, האט דער ראדאשיצער געשיקט מיטן שליח א שטיקל קאצקא צוקער און געהייסן, אז דער רבי יצחק זאל פון דעם עסן און ער וועט האבן א רפואה.

דער רבי יצחק האט גענומען דעם צוקער און געזאגט בזה"ל, "הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה, לשמוע דברי חכמים" און ער האט געגעסן א שטיקל פונעם צוקער, גלייך איז אים בעסער געווארן, און אזוי האט ער געגעסן דעם צוקער, און ווען ער האט געענדיגט אויפעסן דעם גאנצן צוקער איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

דער הייליגער צדיק וקדוש דער שרף ממאגלניצא זי"ע איז אמאל קראנק געווארן, און ער האט געשיקט אז מען זאל אים מזכיר זיין ביים הייליגען ראדאשיצער זי"ע, האט דער ראדאשיצער געזאגט אז ער נעמט אויף זיך די מחלה, און דער הייליגער מאגלניצער איז טאקע געזונט געווארן, אבער דער ראדאשיצער איז קראנק געווארן,

אבער נאך א שטיק צייט איז דער ראדאשיצער אויך געזונט געווארן, האט דער רבי יצחק מווארקא זי"ע געזאגט אויף דעם פשט אונעם ברכה, "בָּרוּךְ פּוֹדֶה וּמַצִּיל", וואס מיינט אז קודם האט דער צדיק פּוֹדֶה געווען דעם מאגלניצא רבי, און דערנאך וּמַצִּיל האט דער צדיק דער ראדאשיצער זיך מציל געווען.

איינמאל איז א איד פון שטאט קאצק געקומען צום רבין פון ראדאשיץ און זיך זייער באקלאגט, אז ער האט נישט קיין פרנסה, און וואס ער פראבירט איז ער נישט מצליח, דער צדיק האט גלייך געפרעגט דעם איד אויב ער איז נזהר צו זאגן תחנון יעדן טאג, דער איד האט זיך געשעמט און נישט געוואלט עטפערן, אבער דער צדיק האט נאכאמאל איבער געפרעגט, און דער איד האט מודה געווען אז ער זאגט נישט קיין תחנון ביים דאווענען שחרית,

האט דער צדיק געפרעגט דעם איד, פון ווען ער זאגט שוין נישט קיין תחנון, האט דער איד מודה געווען אז נאך פון זיין יוגענט האט ער אויף געהערט זאגן תחנון, האט דער צדיק געהייסן דעם איד מאכן א חשבון פונקטליך וויפיל מאל ער האט אויס געלאזט תחנון, און ער זאל דאס אלעס משלים זיין, און אויך זאל ער זיך פארנעמען, אז מהיום והלאה וועט ער יעדן טאג זאגן תחנון, און ער וועט אי"ה מצליח זיין אין פרנסה,

דער איד האט שווער געארבעט פאר אפאר וואכן צו משלים זיין אלע טעג וואס ער האט נישט געזאגט קיין תחנון, און כך הוה ווען ער האט דאס אלעס משלים געווען האט זיין הצלחה אנגעהויבן שיינען און ער האט געהאט פרנסה ברווח און געבליבן א חסיד פונעם צדיק פון ראדאשיץ זיין גאנץ לעבן.

דער צדיק וקדוש דער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע, פלעגט צוליב זיין גרויסע קדושה און טהרה גאר שטארק מקפיד זיין, אז יעדער איד וואס איז אריין געקומען צו אים, זאל האבן געווען יענעם טאג אין מקוה, עס ווערט דערציילט, אז עס האט זיך אמאל געמאכט, אז א איד פון אן אנדערע שטאט איז געקומען צום הייליגען ראדאשיצער זי"ע, און ווי געווענליך האבן אים די גבאים געפרעגט צי ער איז געווען היינט אין מקוה, האט דער איד געענטפערט אז יא, און ער האט גענומען שלום ביים רבי"ן און געבעטן א ברכה,

נאכדעם וואס דער פרעמדער איד איז ארויס פון רבי"נס צימער, האט דער רבי געבעטן אז מ'זאל אים באגלייטן צו די מקוה, דאס אז דער רבי זאל גיין אינמיטן טאג אין מקוה איז נישט געווען קיין געווענליכע ערשיינונג, און עס איז געווען א גרויסער חידוש, מ'האט פארשטאנען אז עס האט צו טוען מיט דעם פרעמדן איד, און די שטוב מענטשן האבן זיך פארלייגט אויף דעם איד, וואס קען זיין די סיבה אז דער רבי האט דוקא יעצט געוואלט גיין אין מקוה, ביז ער האט מודה געווען אז ער איז געווען פויל צו גיין אין מקוה איידער ער איז אריין צום רבי"ן, און ווי עס זעט אויס האט דער הייליגער צדיק גלייך מרגיש געווען, אז ער איז נישט געווען אין מקוה.

אמאל איז געשען אז די רעבעצין פונעם הייליגען ראדעשיצער זי"ע האט ל"ע באקומען א געשוואלענעם פיס, און איז געווארן געפערליך קראנק, מ'האט געברענגט דאקטוירים, און די דאקטוירים האבן אן געמאכט א מורא, אז ס'איז פארגיפטעט און עס פארשפרייט זיך, און ממילא מוז מען חלילה ל"ע אראפ נעמען דעם פיס, כדי עס זאל זיך חלילה נישט מער פארשפרייטן, מ'האט אפילו געברענגט דאקטוירים פון אנדערע שטעט, און אלע האבן געזאגט פה אחד, אז מען מוז ח"ו אראפ נעמען דעם פיס,

האט דער מאן דער הייליגער צדיק דער ראדאשיצער געזאגט, עס איז דאך דא דער גרויסער דאקטאר, דער בעל תשובה רבי חיים דוד דאקטאר פון פיעטרקוב, ער איז מער דאקטאר ווי אלע גרויסע דאקטוירים, האט ער געשיקט צוויי מענטשן קיין פיעטרקוב, אז דער צדיק רבי חיים דוד דאקטאר זאל שוין קומען צו פארן, ער איז געקומען, און ווען ער האט איר האט אונטער געזוכט, האט ער באשטעטיגט אז די אלע דאקטוירים זענען גערעכט, ס'איז א פארגיפטונג וואס איז גאר געפערליך, און מען מוז ל"ע אראפ נעמען דעם פיס, ס'איז נישטא קיין ברירה, און ער זאגט, "איך מוז אהיימפארן נאך די כלים כדי צו אפערירן",

איז געווען דארט, רבי ישראל הלוי, אן ערליכער איד, א גרויסער חסיד און מקורב ביים ראדאשיצער, און ווען ער האט געהערט, אז דער רבי חיים דוד דאקטאר, איז אהיים געפארן ברענגען די כלים צו מאכן אזא אפעראציע אראפצונעמען דעם פיס, איז ער אריין צום רבי"ן און ער האט אנגעהויבן צו מאכן קולות, "רבי, טויזנטער אידן קומען צום רבי"ן, און דער רבי איז א פועל ישועות פאר אלע אידן, און דעם רבינ'ס רעבעצין אליין וויל מען אראפ נעמען א פוס, איך וועל נישט ארייןלאזן דעם דאקטאר, דער רבי מוז ראטעווען די רעבעצין", און

ער האט אנגעהויבן צו וויינען, "מיר וועלן נישט לאזן", האט דער הייליגער ראדאשיצער געזאגט, "גייטס, לאזט מיך אליין",

דער רבי איז דאן אריין געגאנגען צו זיך אין שטוב, און ער איז דארט געזעסן א גאנצן טאג מיט טלית און תפילין פארמאכט, און אזוי האט ער געדאווענט שחרית, און נאכדעם האט ער געדאווענט מנחה און מעריב, ער איז געזעסן פארמאכט א גאנצן טאג, און ווען ער איז ארויס געקומען, האט ער געזאגט פאר ר' ישראל הלוי,

גיי ארויס אויפ'ן בית החיים, דארט, ביי די און די מצבה, וואקסט דארט גראז מיט אזעלכע בלומעלעך, גיי אהין, און דאן האט דער ראדעשיצער גענומען זיין חלה מעסער מיט וואס מען הייבט אן די חלה אין שבת, און ער האט עס אים אהין געגעבן, און ער האט געזאגט, מיט דעם מעסער זאלסטו אפשניידן די גראז מיט די בלומעלעך וואס וואקסן דארט, נאכדעם זאלסטו אלעס אריינלייגן אין א זעקל, און עס אהיים ברענגען, און דאס וועט זיין די רפואה,

זאגט ר' ישראל, "רבי, איך מוז זאגן דעם אמת, איך האב מורא אליין צו גיין אויפ'ן בית החיים ביינאכט", האט דער הייליגער ראדאשיצער גענומען זיין שטעקן און האט אים געזאגט, "דא האסטו מיין שטעקן, זאלסט גארנישט מורא האבן פאר קיין שום נברא, דו גייסט מיט מיין שטעקן",

רבי ישראל האט שפעטער דערציילט, אז אזוי ווי דער רבי האט אים געגעבן דעם שטעקן אין די האנט אריין, האט ער באקומען אזא כח, אז ער האט טאקע גארנישט קיין מורא געהאט, ער איז געגאנגען אליין אהין מיט אזא התחזקות, און ער האט באלד געטראפן די בלומעלעך מיט'ן גראז, אזוי ווי דער רבי האט אים אנגע'משל'ט, און ער האט עס אהיים געברענגט,

דאן האט דער הייליגער ראדאשיצער געהייסן אז מען זאל דאס אפקאכן, מען האט באלד געקאכט די גראז מיט די בלומען, מען האט דאס איינגעפאקט אין א פאטשיילע, און ער האט דאס הייסערהייט געהייסן צו לייגן צום פיס, מען האט דאס צו געלייגט, און זי האט אנגעהויבן באלד צו זאגן אז זי פילט שוין בעסער, דאס איז נאך געווען אינמיטן די נאכט, און אינדערפרי האט זי שוין געזאגט, אז עס דאכט זיך איר אז זי איז שוין אינגאנצן געזונט,

ווען רבי חיים דוד דאקטאר איז געקומען, און ער האט אונטער געזוכט די רעבעצין, האט ער געזען, אז זי איז אינגאנצן אויס געהיילט, דורך די גראז וואס איז אפגעקליבן געווארן אין בית החיים, האט רבי חיים דוד געבעטן רבי ישראל ער זאל אים גיין ווייזן די גרעזעלעך, און ער וועט אים גוט באצאלן, אבער ווען מען איז דארטן אהין געגאנגען האט מען גארנישט געפונען,

זאגט רבי חיים דוד, "הערט, א צדיק וואס האט אזא כח אין הימל, א מענטש וואס האט געהאט א בלוט פארגיפטונג, מען האט געברויכט אראפ נעמען א פיס, און אלע דאקטוירים האבן דאס געזען, און ער האט געמאכט אין איין טאג אז ס'זאל נתהפך ווערן, בלייב איך שוין דא זיצן איבער שבת", און דער רבי חיים דוד, איז שוין דאן געבליבן אין ראדושיץ און געווארן א גרויסער חסיד פון דער הייליגען צדיק וקדוש רבי ישכר בער מראדושיץ זי"ע,

דער חסיד ר' יעקב יצחק פון בריזין ז"ל איז אמאל געקומען צום סבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און ער האט זיך אויסגעגאסן פאר אים זיין ווייטאג אז די קינדער האלטן זיך נישט ביי אים ל"ע, און ווען זיינע קינדער זענען נאך גאנץ יונג, גייען זיי שוין ל"ע אוועק פון די וועלט, האט דער סבא קדישא אים געהייסן, אז ווען זיין פרוי וועט געבוירן נאך א קינד, זאל ער קומען צו אים, דער חסיד האט אזוי געטוען און ביים קומענדיגן קינד האט ער זיך צוגעאיילט צו פארן קיין ראדאשיץ,

דער צדיק האט אים געפרעגט זיין טאטנ'ס נאמען, האט דער חסיד געענטפערט, "ירמי'", האט דער רבי באפוילן אז מ'זאל א נאמען געבן פאר'ן קינד, "חיים ירמי' ", איידער ער איז אוועק געפארן פון ראדאשיץ איז דער איד נאכאמאל אריין צום רבי'ן זיך צו געזעגענען, דער צדיק האט אים נאכאמאל אנגעוואונטשן אז דאס קינד זאל בלייבן לעבן, און דער רבי האט פארענדיגט זיין ברכה מיט די ווערטער פונעם פסוק "ובני דן חושים", ר' יעקב יצחק האט זיך נישט געוואגט איבער צו פרעגן וואס איז דער פשט פון די ווערטער, און ער איז אהיים געפארן און האט טאקע א נאמען געגעבן חיים ירמי',

שפעטער איז דער חסיד געווארן שטארק נייגעריג, וואס דער סבא קדישא מראדושיץ האט געמיינט מיט די ווערטער "ובני דן חושים", האט ער דאס דערציילט פאר עטליכע תלמידי חכמים און חסידים אין זיין שטאט, יעדער האט געזאגט אן אנדערע פשט אין דעם, אבער די

אלע פשטים זענען אים נישט אריין אין די אויערן, האט ער זיך מיישב געווען, און ער האט געשריבן דעם ענין צו זיין'ס א שוואגער וועלכער איז געווען רב אין פרשיסחא, אבער אויך ער און זיינע חברים האבן נישט געקענט פארשטיין די כוונה פונעם צדיק.

אזוי איז אריבער א גאנץ יאר, צום צווייטן יאר האט ער דאס נאכאמאל פאר געלייגט פאר די תלמידי חכמים און חסידים אין זיין שטאט, האט איינער דעמאלט געזאגט פשט וואס אלע האבן מסכים געווען דערצו, אז דער צדיק האט געוואלט מרמז זיין, אז אפילו אז דן האט נאר געהאט איין זון חושים, שטייט אבער אין פסוק א לשון רבים "ובני", וויבאלד פון דעם איינעם זון זענען ארויס געקומען אסאך קינדער, און שבט דן איז געווען א גרויסער שבט, ווי חז"ל זאגן אין בבא בתרא (קמג:).

דערמיט האט דער צדיק געמיינט מרמז צו זיין, אז ר' יעקב יצחק וועט טאקע האבן נאר דעם איינעם זון, און מער נישט קיין אנדערע קינדער, אבער פון דעם איינציגן זון וועלן ארויס קומען אסאך קינדער, כך הוה, דער חיים ירמי' איז געווען א בן יחיד צו זיינע עלטערן, אבער די משפחה איז זיך שפעטער גאר שטארק צוואוואקסן.

דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע פלעגט יעדעס יאר ראש השנה דערציילן די מעשה בדמעות שליש.

אמאל איז געווען א איד וואס איז ליידער געווען א גרויסער פעפער, ער פלעגט יעדן טאג שלאפן ביז שפעט אין טאג אריין, איין יאר ראש השנה צופרי האט אים דאס ווייב אויף געוועקט און געזאגט, שטיי שוין אויף מען גייט שוין דאווענען, אבער דער מאן שלאפט ווייטער, איז זיין פרוי וואס איז געווען א ערליכע אידישע אידענע געלאפן אין ביהמ"ד, ביים ליינען איז די ווייב צוריק געקומען קוקען וואס די קינדער מאכן, זעהט זי ווי דער מאן שלאפט נאך, זי האט נאכאמאל פרובירט אים צו וועקן, אבער עס גייט נישט.

בעפאר תקיעת שופר איז די ווייב אהיים געקומען און געשריגען פארן מאן, מען האט שוין געענדיגט ליינען און מען גייט שוין בלאזן שופר, וועק דיך שוין אויף און לויף אין ביהמ"ד, דער מאן האט זיך שוין דאן אויף געוועקט, און מיט א יאגעניש זיך אנגעטון א האלאטל און זיין טלית און מיט ציפלויגענע פיאות געלאפן אין ביהמ"ד צו תקיעת שופר, פארשטייט זיך אז אזוי ווי ער איז אריין אין ביהמ"ד, און מענטשן האבן געזען דעם איד אזוי ציפלויגען אריין קומען, האט מען דעם איד אויס געלאכט און ער איז געווארן גוט פארשעמט.

זאגט דער הייליגער ראדושיצער זי"ע, אין הימל האט מען פאר דעם איד גערעכנט די בושה וואס ער האט מיט געמאכט, און מען האט גע'פסק'נט אז ער זאל האבן אין דעם זכות א גוט געבענטשט יאר, האט דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע אויס געפירט מיט גרויסע בכיות בזה"ל, "רבוש"ע, קוק די בושה וואס מיר אידישע קינדער האבן, אז מיר קומען צו אזא טאג ווי ראש השנה מיט עוונות און פשעים, און רעכן פאר אונז אויך די בושה, אז אלע אידישע קינדער זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר מיט השפעות און געזונט".

דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהאט א מנהג, אז יעדן שבת קודש ביי מנחה איז ער ארויף אויפן בוידעם פון זיין הויז, און צו ארויף גיין דארט האט ער געברויכט גיין 13 טרעפ, און יענעם שטוב איז געווען חושך טונקעל און גאר א שמאל שטוב, קיינער פון די חסידים האבן נישט געוויסט וואס דער צדיק טוט דארט יעדן שבת.

איין וואך האט איינע פון די חסידים געהאט חשק צו זעהן וואס דער רבי טוט דארט, איז ער ארויף צום שטוב בעפאר מען האט געענדיגט מנחה, און ער האט זיך דארט אין שטוב באהאלטן, ווען דער הייליגער חוזה איז ארויף געקומען, האט דער חסיד געזען ווי דער חוזה עפענט אויף דעם ספר יד החזקה פונעם הייליגן רמב"ם זי"ע, און עס איז געווארן גאר שטארק לעכטיג אז מען האט ממש געקענט בלינד ווערן, און גלייך נאכדעם האט דער חסיד געשפירט א בלינדקייט, און מיט שוועריקייטן איז ער אנגעקומען צוריק אראפ פון דעם שטוב.

ווען ער איז אראפ געקומען האט ער געשפירט אז עס איז נאך טאג אינדרויסן, אבער ער קען גארנישט זעהן, דער חסיד האט נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, מוצאי שבת איז דער חסיד אריין צום חוזה מלובלין, און זיך מזכיר געווען אז עס האט אים פלוצלונג אויף געהערט ארבעטן די אויגן און ער קען נישט זעהן, האט דער הייליגער חוזה געזאגט פאר דער חסיד, איך קען דיר נישט העלפן, גיי צום צדיק רבי דוב בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, וואס ער איז א גרויסע פועל ישועות און ער וועט דיר אפשר קענען העלפן.

איז דער איד געגאנגען צום הייליגן ראדעשיצער, און זיך מזכיר געווען אז ער איז געווארן בלינד, און דער

הייליגער ראדעשיצער האט אים געגעבן א סגולה וואס זאל אים אויסהיילן, און ווען דער איד איז צוריק געקומען, האט אים דער ראדעשיצער געגעבן אן אנדערן סגולה, אבער ווען דער ראדעשיצער האט געזען אז די סגולות העלפן נישט, האט ער געזאגט פארן איד, די אלע סגולות וואס איך האב דיר געגעבן קען מאכן אפילו א שטיין זעהן, און אויב דאס ארבעט נישט, האט דא געמיזט געשען עפעס אויסער געווענליך,

דאן האט דער איד דערציילט די מעשה ווי אזוי ער איז געווארן בלינד, האט זיך דער הייליגער סבא קדישא מראדישיץ אנגערופען, "צו זעהן דעם לעכטיקייט פונעם אור הגנוז איז נאר דער הייליגער חוזה ראוי, און קיינער אנדערש מיט די פליישיגע אויגן קען דאס נישט דורך טראגן, ווייל מען איז נישט ראוי דערצו", און אויף דעם קען איך דיר נישט העלפן, און דער איד איז ל"ע געבליבן בלינד זיין גאנץ לעבן,

הרה"ק רבי יחיאל צינמן מפאקשווינצא זי"ע האט דערציילט, אז ביים הייליגען סבא קדישא מראדושיץ זי"ע איז געווען א גוי א גרויסע עושר וואס פלעגט אסאך קומען צום צדיק זיך מזכיר זיין, וואס ווי באקאנט האבן אפילו די גוים פון שטאט געוויסט צו זאגן פון זיין געוואלדיגע כח און הייליגקייט, איין טאג האט זיך דער גוי מזכיר געווען ביים צדיק, אז ער האט נאכנישט זוכה געווען צו א קינד, און דער גוי האט געזאגט, אז ער איז מסכים צו געבן פארן רבין א גרויסע סכום געלט, און ער איז מסכים צו טון יעדע רפואה אויף די וועלט אז ער זאל זוכה זיין צו א קינד,

האט דער צדיק מראדושיץ זי"ע געזאגט פארן עולם וואס איז דארט געשטאנען, און צווישן זיי איז געווען דער רבי יחיאל, מיין רבי דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, ווען א גוי איז צו אים געקומען בעטן א ברכה אויף קינדער, האט דער קאזניצער מגיד געזאגט בזה"ל, "רבוש"ע, אזוי פיל גוים דרייען זיך אויף די וועלט, וואס ארט דיך אז עס וועט זיין נאך א גוי", אבער איך, זאגט דער הייליגער ראדעשיצער, האב נישט די כח וואס מיין רבי האט געהאט, און דערפאר ברויך איך אוועק שטיפן דעם גוי, אבער עס ברויך זיין מיט א חכמה כדי עס זאל נישט ארויס קומען קיין חילול השם ח"ו,

האט דער הייליגער ראדעשיצער זי"ע געזאגט פארן גוי, גיי אהיים אין שטוב, און נעם יענעם און יענעם פרוכט וואס איז גאר שטארק ביטער, און מען קען דאס נישט עסן, און זאלסט דאס קאכן אין א נייעם טאפ, און דאס זאל קאכן פאר 6 שעה, נישט וויינער און נישט מער, און די זאלסט דעם טרינק טרינקען פאר 30 טאג, און דאן וועסטו געהאלפן ווערן מיט א קינד,

פארשטייט זיך אז דער צדיק האט געהאלטן אז דער גוי וועט זיכער נישט קענען איין האלטן די אלע תנאים וואס ער האט געהייסן, און דאן וועט ער נישט געהאלפן ווערן מיט א קינד, אבער עס וועט נישט ארויס קומען קיין חילול השם, ווייל דער גוי וועט ביי זיך שוין וויסן אז זיין ישועה איז נישט געקומען, נאר ווייל ער האט נישט געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן,

אבער דער גוי האט נישט געוויסט פון קיין חכמות, זיין אמונה אינעם הייליגען צדיק איז געווען אזוי שטארק, אז ער איז אהיים געגאנגען און אויס געפאלגט אלעס וואס די רבי האט אים געהייסן, ממש מיט יעדע זאך וואס דער צדיק האט געהייסן, און צום יאר איז ביי דעם גוי געבוירן געווארן א קינד,

דער גוי האט פארשטייט זיך מקיים געווען דעם תנאי, ער האט גאר אסאך געלט געגעבן פארן צדיק, אויך פאר די אידן פונעם שטאט ראדושיץ האט דער גוי פארגיטיגט, און דער גוי פלעגט כסדר ארום גיין מיט זיין קינד אויף די אקסל און געוויזן פאר די אידן און אויך פאר די גוים פון שטאט, קוקט אויף דעם קינד, דאס האט מיר דער ראבינער געגעבן מיט זיין ברכה, און דאס האט געברענגט א געוואלדיגע קידוש השם,

בשנת תשפ"ד איז א איד א משפיע געפארן מיט א קבוצה פון אידן קיין ראדושיץ צום יארצייט, דער איד האט געהאט א טאכטער וואס האט שוין געהאלטן 8 יאר נאך די חתונה, און איז נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, און דער איד האט דארט ביים ציון מבטיח געווען, אז אויב וועט ער געהאלפן ווערן מיט א ישועה, וועט ער צוריק קומען מיט די גאנצע קבוצה צו דאנקען דעם צדיק אויפן מופת,

די יאר בשנת תשפ"ה אפאר חדשים בעפאר די יארצייט, איז דער איד צוריק געקומען צום ציון קדשו פונעם הייליגען ראדושיצער זי"ע מיט די זעלבע קבוצה אידן, ווייל ברוך השם עס ווארט א שמחה בקרוב ביים טאכטער, די גאנצע קבוצה האבן זיך ארויס געלאזט אין א פייערדיגע טאנץ דארט ביים ציון זינגענדיג "מזמור לתודה", און אזוי טאנצענדיג ביים ציון איז אריין

געקומען די בשורה, אז ב״ה עס איז ביים טאכטער געבוירן געווארן א געזונט לעבטיג קינד.

בערך פונעף אין צוואנציג יאר צוריק איז הרה״ח רבי שמואל שפיטצער מראדושיץ מאנרא שליט״א געווען אויפן וועג קיין אוקרינה צום שטאט יאמפאלא, צוזאמען מיטן יאמפאלא רב שליט״א, זייענדיג עוסק דאן משפר צו זיין דעם אוהל פונעם הייליגען צדיק רבי מיכל׳ע זלאטשובער זי״ע, ביינאכט חלומ׳ט ער זיך, אז מען דערציילט אים אז מען גראבט קברים אינעם ביה״ח אין שטאט ראדושיץ, יענע צייט איז נאכנישט געווען אזוי מפורסם דאס גדלות און גרויסקייט פון גיין צום ציון קדשו פונעם הייליגען ראדושיצער צדיק זי״ע.

רבי שמואל דערוועקט זיך און דערציילט פאר זיין שותף די חלום, עס האט פארן שותף אויס געזעהן אביסל מאדנע, אבער נאכן צווייטן חלום די זעלבע נאכט האט רבי שמואל געזעהן אז יש דברים בגו און מען ברויך דא עפעס טון, האבן זיי זיך אויפגעהויבן און געמאכט דעם לאנגן וועג קיין ראדושיץ, אנקומענדיג דארט אין ראדושיץ כאפן זיי זיך, אז ממש היינט איז ח״י סיון די יארצייט פונעם הייליגען ראדושיצער.

ארויף גייענדיג אינעם ביה״ח וואס איז ליידער געווען חרוב ונחרב, זעהן זיי אז ליידער האט מען טאקע אויף געגראבן צענדליגע קברים, און וויבאלד די זאמד דארט נעבן ביה״ח איז געווען גאר ווייעך, האט א גוי געגראבן מיט א טראקטאר נעבן ביה״ח, צו פארקויפן די זאמד פאר קאנסטראקציע קאמפאני׳ס, און ממש דאן האט דער גוי אנגעהויבן גראבן ממש נעבן דעם גדר אין בעק פונעם ביה״ח פראבירענדיג דאס צו באהאלטן, האבן זיי טאקע דאן געזעהן, אז די חלום איז שוין גאר געווען אמת, און זיי האבן טאקע עוסק געווען מיט כבוד צוריק מקבר צו זיין די עצמות, און פון דאן האט מען אנגעהויבן צו טון אסאך צו ראטעווען דעם ביה״ח און ציון קדשו.

ווי באוויסט האבן אפילו די גוים להבדיל געוויסט צו זאגן פונעם גרויסן כח און קדושה פונעם הייליגען ראדושיצער צדיק זי״ע, אין די צייטן פונעם צדיק פלעגן אסאך גוים כסדר קומען צום צדיק פאר ברכות און האבן געזעהן גרויסע מופתים דורך א ברכה פונעם צדיק, און דער צדיק האט מיט דעם געברענגט א גרויסע קידוש השם אויף די וועלט, בחייו פונעם צדיק דער הייליגער ראדושיצער זי״ע איז אפילו דער גרויסער פראנ׳ץ יאזעף אמאל געקומען צום צדיק פאר א ברכה.

אויך יארן שפעטער נאכן הסתלקות פונעם צדיק דערציילט מען אסאך מעשיות ווי להבדיל גוים האבן געוויסט צו דערציילט פון מופתים ביים ציון קדשו פונעם צדיק, די גוים להבדיל האבן געריפן דעם צדיק ״הער ראבינער מראדושיץ״.

ברם זכר אותו האיש לטוב, בערך 40 יאר צוריק האט הרה״ח ר׳ יוסף עקשטיין נ״י מיט א מסירת נפש גע׳פועל׳ט ביי די אינסטאנצן אין שטאט, אז ער זאל כאטש קענען אויף שטעלן א קליינעם אוהל אויפן ציון קדשו פונעם הייליגען ראדושיצער זי״ע, וואס איז ליידער חרוב געווארן ביים צווייטע וועלט מלחמה, און בערך 25 יאר צוריק האבן זיך צוזאמען גענומען א גרופע פון טייערע אידן ובתוכם הרה״ח ר׳ שמואל שפיטצער מראדושיץ מאנרא שליט״א און דער יאמפאלא רב שליט״א און הרה״ח ר׳ אברהם ברוך בראך נ״י, און אויף געשטעלט א הערליכע נייע אוהל אויפן ציון קדשו פונעם צדיק מראדושיץ.

די אידן וואס האבן דאן עוסק געווען מיט א מסירת נפש צו ראטעווען דעם ביה״ח און דעם ציון פונעם צדיק, האבן כסדר דערציילט ממש אפענע מופתים וואס זיי האבן געזעהן ביי דעם ציון, גאנ׳ץ אנפאנג איז ליידער די ביה״ח געווען א מקום ווי די גוים פונעם שטאט פלעגן ליידער קומען פארברענגען, און דאס האט ליידער מחלל געווען דעם מקום קדוש.

איינע פון די עסקנים דערציילן, אז איינמאל ווען ער איז אנגעקומען צום ציון, האט ער דארט געזעהן אפאר גוים שטיין ביים ציון, האט ער געפרעגט דעם שומר ווער די גוים זענען, האט דער שומר דערציילט, אז דאס איז להבדיל דער גלח פון שטאט, ווען דער עסקן האט געפרעגט דעם גלח וואס ער טוט דא ביים ציון, האט דער גוי דער גלח געזאגט, אז סיי ווען ער האט א שווערע קעיס קומט ער דא צום ציון פונעם צדיק און ער ווערט געהאלפן, און טאקע דער גלח האט אסאך געהאלפן פאר די עסקנים צו קענען צוריק אויף שטעלן דעם ביה״ח כראי׳.

די עסקנים דערציילן, אז יארן צוריק ווען מען האט פראבירט צו ערלעדיגן לעקטער פארן אוהל פונעם הייליגען ראדושיצער זי״ע, האט מען זיך אנגעשטויסן אין גאר שווערע פראבלעמען, מען האט געברויכט דערפאר צו קומען צום גיבערנאטאר פונעם שטאט, אבער נאך חדשים פראבירן האט מען בשום אופן נישט

געקענט צו קומען צו יענעם, איין טאג איז איינע פון די עסקנים ארויף צום ציון קדשו פונעם צדיק צו מתפלל זיין אז עס זאל ווערן ערלעדיגט, לפלא בשעת מעשה וואס דער עסקן איז געווען ביים ציון, האט דער שומר אריין גערופן און געזאגט, אז דער גיבערנאטאר האט יעצט געמאלדן, אז ער וועט זיין ביים ביה"ח און צוואנציג מינוט, ויהי לפלא.

א גרויסער נגיד וואס איז שוין יארן שטארק מקושר צום צדיק וקדוש דער הייליגער ראדושיצער זי"ע, האט געהאט די יאר א שווערע דורך גאנג אין ביזנעס וואס האט אים ח"ו געקענט קאסטן א שווערע שאדן, האט ער גערופן די עסקנים וואס געבן זיך אפ מיטן ציון קדוש פונעם צדיק מראדושיץ, און ער האט צו געזאגט א גרויסע סכום געלט לעילוי נשמת דעם צדיק אז ער זאל בקרוב געהאלפן ווערן מיט א ישועה, לפלא 3 טאג שפעטער ריפט ער אן דעם עסקן און זאגט אים, די וועסט אפשר נישט גלייבן, אבער די גאנצע זאך איז מסודר געווארן, דער צדיק האט ערלעדיגט א ישועה גאר שנעל.

עס האט דערציילט הרה"ג רבי ישראל איטשע וואלינאווער זי"ע פון שטאט שיליפיע וואס איז געווען נאנט צום שטאט ראדושיץ, אז ער האט געדינט אלס מלמד ביי א גביר אין שטאט, איין טאג איז דער הייליגער ראדושיצער זי"ע אריבער געפארן דעם שטאט, און דער גביר האט זיך זייער איין געבעטן ביים צדיק מראדושיץ, אז ער זאל קומען צו אים אין שטוב, און דער צדיק האט מסכים געווען, און דער גביר האט געגרייט א שיינע סעודה לכבוד דעם גרויסן גאסט, און לכבוד דעם צדיק האט דער גביר אריין געברענגט א פיינעם פלעשל וויין,

אבער ווען מען האט ארויף געשטעלט דעם פלעשל וויין אויפן טיש, און דער הייליגער ראדושיצער זי"ע האט אריין גענומען דעם פלעשל אין די האנט, האט דער צדיק גלייך געזאגט פארן גביר, אז די וויין איז יין נסך, אבער דער גביר האט גלייך געזאגט פארן רבין, אז ער איז זיכער אז דאס וויין איז נישט יין נסך, וויבאלד ער האט דאס יעצט געברענגט פון זיין קעלער וואס איז שטארק אפגעהיטן, האט דער צדיק דער הייליגער ראדושיצער זי"ע געגעבן דעם פלעשל וויין פאר זיין גבאי, אז ער זאל אים געבן דעם פלעשל אי"ה שבת קודש און דאן וועט ער נאכאמאל מברר זיין אויב עס איז יין נסך,

אבער לפלא אזוי ווי דער צדיק איז אוועק געפארן פון שטאט, איז דער מלמד ר' איטשע ארויס אויפן גאס מיט זיינע תלמידים, און ער הערט אזוי פון די ארבעטערס גוים ווי זיי זאגן, "דער ראבינער האט געטרינקען וויין וואס מיר האבן גיהאט אין די הענט", דאן האט דער ר' איטשע געפרעגט פון די ארבעטערס, ווי אזוי האט איר געקענט צו קומען צו די וויין, האבן זיי געזאגט, מיר האבן געהאט אינעם קעלער כלים וואס מיר האבן מיט דעם ממש יעצט געארבעט דא, און זיי האבן בדווקא אנגערירט די וויין צו מכשיל זיין דעם הייליגן ראדושיצער,

אזוי ווי דער חסיד ר' איטשע האט געהערט וואס זיי זאגן, איז ער גלייך ארויס געלאפן מיטן גאנצן כוח קיין ראדושיץ כדי ער זאל קענען דערציילן פארן רבין אז די וויין איז טאקע יין נסך כדי די רבי זאל ח"ו נישט נכשל ווערן, אבער ווען ער איז נאך געווען אויפן וועג האט דער צדיק ברוח קדשו מרגיש געווען אז דער ר' איטשע קומט דערציילן חדשות,

טאקע נישט לאנג נאכדעם איז דער ר' איטשע אנגעקומען מיט זיין לעצטע כוחות און נישט געקענט ארויס זאגן קיין סאך, נאר די ווערטער "דער וויין איז נסך", דאן האט דער הייליגער ראדושיצער זי"ע געזאגט פארן מלמד, די וועסט דאך שוין קיין מלומדות נישט האבן ביי דעם גביר, אויב וועסטו פרעגן פון ווי די וועסט האבן פרנסה, האט דער הייליגער צדיק גענומען זיינע הייליגע הענט און ארויף געלייגט אויף זיין קאפ און געוואונטשן,

"ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ", און לפלא נישט לאנג נאכדעם איז דער מלמד וואס האט נאכנישט געהאט קיין קינדער, געהאלפן געווארן מיט א קינד, און אויך איז ער דאן געהאלפן געווארן מיט פרנסה ווען די מלוכה האט אונטער געשריבן א קאנסעסיע מיט דעם מלמד און ער איז גאר שטארק נתעשר געווארן און שטארק מצליח געווען אין ביזנעס.

א איד האט דערציילט א היינטיגע מעשה נורא וואס האט פאסירט די יאר חודש סיון בשנת תשפ"ה, וואס ברענגט ארויס אז דער הייליגער צדיק וקדוש מראדושיץ זי"ע וואס איז געווען א גרויסע פועל ישועות און בעל מופת עצום בחייו, ברענגט נאך אראפ השפעות און ישועות עד היום הזה ווען מען גייט זיך משתתח זיין ביי ציון קדשו,

די מעשה האט דערציילט א איד וואס איז געפארן די יאר חודש סיון בשנת תשפ"ה מיט די גרויסע נסיעה צו

מקומות הקדושים וואס איז באגלייט געווארן דורך דעם פה מפיג מרגליות הרב הגאון רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט״א, וואס ווי אייביג ווערט די נסיעה באגלייט מיט א געוואלדיגע התעוררות דורך רבי יוסף חיים שליט״א וואס ברענגט ארויס די גרויסקייט און קדושה פון די צדיקים ווי מען גייט זיך משתתח זיין,

די גאנצע נסיעה האבן די עסקנים פארקויפט די זכותים ביי יעדע ציון קדשו וואס מען איז אנגעקומען, דער איד דערציילט אז ער האט געקויפט דעם זכות ביים ציון קדשו פונעם הייליגען סבא קדישא מראדושיץ זי״ע, ווייל דער איד האט געברויכט א גרויסע ישועה, ווייל זיין זוהן וואס איז שוין געווען 4 יאר אלט האט נאכנישט גערעדט א ווארט, און דער איד איז געווען שטארק צוטראגן דערפון, פארשטייט זיך אז דאס התעוררות פונעם ציבור ביים הייליגען ציון איז געווען געוואלדיג, מען האט מזכיר געווען די נאמען פונעם קינד, און דער גאנצער ציבור האט מתפלל געווען צום צדיק פאר א ישועה פאר דעם קינד,

דערציילט דער איד, נישט צום גלייבן ווי שנעל די ישועה איז געקומען, דעם קומענדיגע טאג ריפט אים זיין בני בית פון שטוב, און דערציילט אים מיט גרויס התרגשות, דאס קינד רעדט קלאר און געהעריג ממש ווי א קינד וואס רעדט שוין פאר א שטיק צייט, דער איד איז געווארן שטארק נתרגש און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער און דעם גרויסן צדיק מראדושיץ זי״ע.

דער הייליגער תפארת שלמה איז אמאל געפארן אויף שב״ק קיין ראדושיץ צוזאמען מיט א גרופע חסידים, אינמיטן וועג האט זיך דער בעל עגלה, א גוי, אפ געשטעלט זאגענדיג, אז אויב מען וועט אים נישט געבן אביסל בראנפען אדער וויין צו טרונקען וועט ער נישט פארן ווייטער, עס איז געווען אינמיטן ווינטער און אינדרויסען הערשט א שטארקע קעלט, האט דער בעל עגלה געפאדערט עפעס צו טרונקען זיך אנצוווארימען די ביינער,

די חסידים זענענדיג אז עס איז נישט דא קיין ברירה, האבן זיי אים געגעבן א פלעשל וויין וואס זיי האבן אנגעגרייט צו געבן פאר׳ן רבי׳ן ער זאל קידוש מאכן דערויף, דער בעל עגלה נאכדעם וואס ער האט זיך אנגעטרונקען וויפיל ער האט געוואלט, האט ער זיי צוריק געגעבן דאס איבער געבליבענע, די חסידים האבן עס געוואלט אויסגיסן ווייל עס איז דאך געווארן יין נסך,

אבער ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע האט געזעהן ווי זיי ווילן עס אויסגיסן, האט ער עס צו גענומען פון זיי און האט צו געגאסען דערצו פון אן אנדערע פלאש עס זאל זיין פול מען זאל נישט דערקענען דערויף אז מען האט געטרונקען דערפון, זאגענדיג אז ער וויל זיי ווייזן דערמיט עפעס אינטערעסאנט,

פרייטאג-צו-נאכט׳ס האט דער הייליגער תפארת שלמה געגעבן דאס פלעשל וויין פאר׳ן משמש ער זאל עס אנגרייטען אויפ׳ן טיש, דער רבי זאל מאכן קידוש דערויף, ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש, נאר זעענדיג פון דערווייטענ׳ס דעם וויין ליגן אויפ׳ן טיש, האט ער געהייסן דעם משמש ער זאל אים געבן דעם וויין, ווען דער משמש האט עס אהין געגעבן, האט דער הייליגער ראדושיצער אריינגעקוקט אין דעם וויין און זיך אנגערופען צום משמש, ״נעם דאס פלעשל ווארף עס אריין אין מיסט ווייל עס איז יין נסך״, דאן האט דער תפארת שלמה געווינקען פאר די חסידים וועלכע זענען געפארן מיט אים זיי זאלן זעהן ווי דער הייליגער ראדושיצער האט גלייך מרגיש געווען מיט זיין רוח הקודש אז דער וויין איז יין נסך.

הרה״ק רבי אליעזר דוד פינקלער מראדושיץ זי״ע האט דערציילט, אז די צוויי צדיקים דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי״ע און דער צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע, האבן געהאט א מנהג, אז יעדן ראש חודש פלעגן זיך די צוויי צדיקים טרעפן אויף א געוויסע פלאץ צווישן ראדושיץ און פשעדבורז, און די צוויי צדיקים האבן צוזאמען גע׳פסק׳נט ווי אזוי די וועלט זאל זיך פירן דעם קומענדיגן חודש, און אזוי ווי די צוויי צדיקים האבן גע׳פסק׳נט, אזוי האט זיך טאקע געפירט די וועלט, צדיק גוזר והקב״ה מקיים,